STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10213

GEKLIBENE DERTSEYLUNGEN UN LIDER

Abraham Reisen

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אברהם רייזען

געקליבענע דערציילונגען און לידער

שול-אויסגאַבע

צו אברהם רייזענס 70־יאָריקן יובל.

אַרויסגעגעבן פון דער
ניו־יאָרקער אַרבעטער־רינג מיטלשול.

אברהם רייזען ... געקליבענע דערציילונגען און לידער

צונויפגעשטעלט און פאַרטייטשט
פון
יודל מאַרק

EDUCANIONAL DEPARTMENT
OF THE
WORKMEN'S CIRCLE OF NEW YORK
Copyright, 1947

Printed in the United States of America



אברהם רייזען

דער גרויסער יידישער שרײַבער אברהם רייזען איז געבאָרן געוואָרן אין דעם יאָר 1876. ער שטאַמט פון אַ פײַנער משפחה. דער פאָטער איז געווען אַ געבילדעטער מענטש און האָט געשריבן אַרטיקלען אויף העברעאיש. שפּעטער זײַנען אַרויסגעוואַקסן נאָך שרײַבערס פון דער זעלביקער משפחה: זײַן שוועסטער שׂרה איז געוואָרן אַ יידישע שרײַבערין און זײַן יינגסטער ברודער זלמן איז געווען אַ שרײַבער און אַ גרויסער געלערנטער וואָס האָט שטודירט יידיש און יידישע ליטעראַטור.

צו 13-14 יאָר האָט אברהם רייזען שוין פאַרמאָגט די גאַנצע יידישע און אַלגעמיינע בילדונג וואָס מען האָט געקענט קריגן אין זײַן שטעטל קאָידענאָוו (מינסקער גובערניע, ווײַסרוסלאַנד), און אַליין נאָך אַ יונג בחורל, איז ער שוין געוואָרן אַ לערער. זייער יונג האָט ער אָנגעהויבן צו שרײַבן לידער. ער איז נאָך קיין 16 יאָר ניט אַלט געווען, ווען י. ל. פרץ האָט אָפּגעדרוקט אין „יידישע ביבליאָטעק" זײַנס אַ ליד. אַ ביסל שפּעטער האָט אברהם רייזען אָנגעהויבן צו שרײַבן אויך קורצע דערציילונגען. פון יעמאָלט אָן האָט ער אָנגעשריבן הונדערטער-הונדערטער לידער און קורצע דערציילונגען.

ווען אברהם רייזען איז געווען עטלעכע און צוואַנציק יאָר אַלט איז ער שוין געווען אַ שרײַבער מיט אַ נאָמען. ער האָט שוין געהאַט געדינט אין דער רוסישער אַרמיי און געלעבט נאָך דעם אין מינסק און אין וואַרשע. זײַנע גוטע חברים זײַנען געווען שלום אַש און ה. ד. נאָמבערג, און אַלע דרײַ אין איינעם זײַנען זיי געווען אַזוי ווי אונטער די פליגלען פון דעם „פאָטער פון דער יידישער ליטעראַטור", פון י. ל. פרצן. אברהם רייזענס לידער און דערציילונגען האָבן זיך געדרוקט אין „דער יוד", וואָס איז סוף פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט געווען די וויכטיקסטע יידישע צײַטשריפט אין אייראָפּע, און ווען עס האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגיין די ערשטע טעגלעכע צײַטונג אין רוסלאַנד, „דער פרײַנד" (1903), איז דאָרטן אברהם רייזען געוואָרן זייער אַ חשובער מיטאַרבעטער.

אנהייב דעם יארהונדערט האט אברהם רייזען אנגעהויבן ארויסצוגעבן אייגענע אויסגאבעס. פריער „דאס צוואנציקסטע יארהונדערט”, וואו ער איז ארויס מיטן געדאנק אז יידיש איז נייטיק פארן גאנצן פאלק; נאך דעם „דאס יידישעווארט”, וואו ער האט אויפגעקלערט, ווי נייטיק עס איז פאר דער יידישער אינטעליגענץ זיך צו פארבינדן מיט יידיש. אברהם רייזען האט אויך צונויפגעשטעלט דאס ערשטע לייענבוך אויף ליטעראטור פאר יידישע שולן. ער האט גענומען אן אנטייל אין דער טשערנאוויצער קאנפערענץ (1908), וואס איז געווען די ערשטע וועלט-קאנפערענץ פאר דער יידישער שפראך און וואס האט געפאדערט אז געזעלשאפטלעך, קולטורעל און פאליטיש זאל יידיש האבן די זעלביקע רעכט וואס אנדערע לשונות. אברהם רייזען איז פון זיינע יינגסטע יארן געווען און איז דאס גאנצע לעבן פארבליבן א הייסער פארטיידיקער פון יידיש, א קעמפער פאר יידיש, פאר דער יידישער ליטעראטור, פאר דער יידישער שול.

אין הארבסט 1908 איז אברהם רייזען דאס ערשטע מאל געקומען קיין אמעריקע. ער איז אבער דא פארבליבן נאר א קורצע צייט. ער איז צוריקגעפארן קיין איראפע. אין 1911 איז ער ווידער געקומען אהער און ווידער האט אים געצויגן צוריק. אין 1914 האט ער זיך באזעצט אין אמעריקע אויף שטענדיק. ער האט דא מיטגעארבעט אין פארשיידענע צייטונגען, אבער לענגער פון אלץ אין „פארווערטס”, וואו ער דרוקט אויך איצט זיינע דערציילונגען און זכרונות. ער האט געשריבן אין א סך פארשיידענע אויסגאבעס און ער האט אויך אליין ארויסגעגעבן זשורנאלן, וואו ער האט געדרוקט א סך לידער, רעצענזיעס און ארטיקלען.

אין 1926, ווען אברהם רייזען איז געווארן פופציק יאר אלט, האט מען אין אמעריקע און אומעטום איבער דער וועלט מיט גרוים פאראד און מיט נאך גרעסערער ליבשאפט געפייערט דעם 50-יאריקן יובל פון דעם גרויסן דיכטער און דערציילער. דער יידישער לייענער האט אים הארציק ליב, און וואו ער זאל ניט קומען, צי דאס איז אין אמעריקע, צי אין אנדערע לענדער — באגעגנט מען אים ווי א טייערן גאסט, ווי גאר א נאענטן מענטשן, ווי א מיטגליד פון דער אייגענער משפחה. און אברהם רייזען קומט שטענדיק צו יעדער יידישער קולטור-שמחה, צי דאס איז אין א יידישער שול, צי דאס איז לכבוד א יידישן שרייבער. און וואו

ער קומט — דערוואַרעמט ער מיט זײַן גוטסקייט, מיט זײַן גרייטקייט צו מונטערן און צו העלפֿן. ער איז דער איבערגעגעבנסטער פֿרײַנד פֿון אַלץ וואָס איז ייִדיש.

איצט פֿײַערט ווידער די ייִדישע וועלט אַ גרויסן רייזען־יום־טוב: דער באַליבטער שרײַבער איז געוואָרן זיבעציק יאָר אַלט. מיר זײַנען אים דאַנקבאַר פֿאַר דער גרויסער צאָל שיינע לידער וואָס ער האָט געשאַפֿן, פֿאַר די לידער וואו ער דריקט אויס ווי מענטשן לײַדן פֿון אָרעמקייט, פֿון דעם וואָס זיי ווערן באַעוולט, געקריוודעט; פֿאַר די לידער וואו ער וועקט די האָפֿענונג אויף בעסערע צײַטן; פֿאַר די לידער וואו עס איז דאָ אידעלע מענטשלעכקייט און די דינע פֿײַנקייט פֿון אַ פּאָעטיש געמיט; פֿאַר די לידער מיט טרויער און מיט פֿרייד, פֿאַר די לידער מיט אַלגעמיין מענטשלעכע און מיט ריין ייִדישע מאָטיוון; פֿאַר די לידער וואָס זײַנען שיין און זינגעוודיק, קלאָר און טיף. מיר זײַנען אים דאַנקבאַר פֿאַר זײַנע קורצע דערציילונגען, וואו ער נעמט זיך אָן פֿאַר די אָרעמע, די שוואַכע, די פֿאַרשטויסענע; וואו ער וועקט רחמנות צו די וואָס לײַדן; וואו ער פֿרייט זיך ווען ער קען דערציילן גוטס וועגן אַ מענטשן און איז קיין מאָל ניט שטרענג אויך צו יענע וואָס ער האָט ניט קיין צו פֿיל גוטס צו דערציילן וועגן זיי; וואו עס איז פֿאַראַן אַ ליבער שמייכל פֿון איינעם וואָס איז שטענדיק גרייט מוחל צו זײַן; וואו עס זײַנען פֿאַראַן קורצע און דאָך טיפֿע שילדערונגען פֿון ייִדישע כאַראַקטערס אין דעם קליינעם שטעטל און אין דער גרויסער שטאָט, פֿון דער אַלטער און פֿון דער נײַער היים; וואו ער קען מיט ווייניק ווערטער אונדז דערציילן אַזוי פֿיל. מיר זײַנען אים דאַנקבאַר פֿאַר זײַנע אַרטיקלען, אײַנאַקטערס און פֿאַר דעם אינטערעסאַנטן ווערק זײַנעם „עפּיזאָדן פֿון מײַן לעבן". אָבער מער פֿון אַלץ זײַנען מיר אים דאַנקבאַר — פֿאַר דער ליבער טײַערער געשטאַלט וואָס האָט שטענדיק אַ שמייכל אויפֿן פּנים און גוטסקייט אָן אַ גרענעץ אין האַרצן, פֿאַר דעם וואָס ער איז געוואָרן אַ פֿאָלקס־פֿרײַנד און אַ פֿאָלקס־טרייסטער.

זאָל ער אונדז זײַן אויף לאַנגע, לאַנגע יאָרן!

י. מ.

דעם זיידנס זייגער

גײן צום זיידן איז בײַ לייבלען געווען אַ יום-טוב. ערשטנס, דער גאַנג אַליין: ס'איז ווײַט, אַזש אין עק שטאָט, און עס ציט אים צו אַלץ וואָס איז ווײַט.

צווייטנס, בײַם זיידן אין שטוב אַליין. אמת, דער זיידע זײַנער, דער מאַמעס טאַטע, איז ניט רײַכער פֿון זײַן טאַטן, און דעם זיידנס שטוב איז נאָך אפילו אַן עלטערע. ווען זײַן טאַטנס שטוב איז געבויט געוואָרן געדענקען נאָך מענטשן, ער הערט ווי מען שאַצט אירע יאָרן — און דעם זיידנס שטוב איז נאָך אַ ירושה פֿון דעם זיידנס אַ זיידע און מען ווייסט ניט אירע ריכטיקע יאָרן.

אָבער דער עיקר איז טאַקע אינעווייניק. אין זיידנס שטוב זײַנען דאָ אַ סך „זאַכן" וואָס בײַ זיי איז ניטאָ. ערשטנס, דער „מזרח" — אַ געמאָלטער — וואָס הענגט, פֿאַרשטייט זיך, אין סאַמע מזרח-וואַנט אין דער הייך. באַטראַכטן אַקוראַט דעם „מזרח", שטייענדיק אויף דער ערד, קען מען ניט, און לייבעלע מוז אַרויפֿקריכן אויפֿן טיש וואָס שטייט ניט ווײַט פֿון וואַנט, און ערשט דעמאָלט זעט ער ריכטיק וואָס אויפֿן מזרח-בילד איז אויסגעמאָלט: אין מיטן דער בית-המקדש און בײַ די זײַטן משה און אהרן, דוד און שלמה, און נאָך גרויסע ייִדישע לײַט, אַלע מיט לאַנגע בערד — און אַלץ אויף איין „מזרח".

ס'פֿאַרשטייט זיך, אַז שטעלן זיך אויפֿן טיש און באַטראַכטן אַקוראַט דעם דאָזיקן „מזרח", דאָס טוט לייבל ווען דער זיידע פֿאַר-

---

ירושה (יערושע) — inheritance

„מזרח" (מיזרעך) — אַ ספּעציעל בילד וואָס מען הענגט אויף דער מזרח-וואַנט; מזרח — east ווען מען דאַוונט, ווענדט מען זיך מיטן פּנים צום מזרח.

קוקט זיך ערגעץ. ווען דער זיידע דערזעט עס, בייזערט ער זיך ווי אַ זיידע:

„וואָס טוסטו דאָס, לייבל? אויפֿן טיש גאָר? ביסט דאָך שוין אַ גרויסער בחור. זאָג מיר בעסער, וואו האַלטסטו שוין אין גמרא?"

און לייבל, שוין שטייענדיק אויף דער ערד, מוז שוין ענטפֿערן: וועלכע גמרא און וועלכן פּרק.

— „נו, זעסטו! דאַרפֿסטו קריכן אויפֿן טיש אַז דו האַלטסט שוין אַזוי ווײַט?"

און דער זיידע לאָזט אים שוין אָפּ.

דעמאָלט כאַפּט זיך לייבל אַריין אין דער איינציקער קאַמער וואָס דעם זיידנס שטוב פֿאַרמאָגט. דאָרטן זײַנען קיין איבעריקע וואונדער ניטאָ. דאָרטן שטייען צוויי בעטן.

אָבער ניט די צוויי שיינע פֿאַרבעטע בעטן ציִען אַזוי לייבלען אין קאַמער, אויך ניט די דרײַ טעכטער דעם זיידנס, די מומעס, וואָס געפֿינען זיך דאָס רוב אין דער דאָזיקער קאַמער. דער עיקר צוציאונג וואָס אָט די קאַמער פֿאַרמאָגט — איז דער זייגער וואָס הענגט אויף דער וואַנט איבער איינער פֿון די צוויי בעטן.

אַ זייגער איז אפֿילו בײַ לייבלען ניט קיין נײַס. די לעצטע פּאָר יאָר געפֿינט זיך שוין אַ זייגער אויך בײַ זײַן טאַטן אין שטוב. אָבער אַ נײַער, אַן קונצן, און אַ ביליקער. דעם זיידנס זייגער איז גאָר אַן אַנדערער, אַ פֿאַרצײַטיקער. ער געדענקט ווען ער, לייבל, איז געווען גאָר אַ קליינינקער און דער זייגער איז נאָך געגאַנגען. די לעצטע פּאָר יאָר גייט ער שוין ניט. ניט נאָר קלינגט ער ניט אוים יעדע שעה, נאָר אפֿילו דער אומרו זײַנער איז שטיל און באַוועגט זיך ניט. אויף זײַנע צוויי וואָגן, לאַנגע און קײַלעכדיקע און געשײַערטע, וואָס האָבן דעם קאָליר ווי שבת-לײַכטער, הענגען נאָך

פּרק (פּיירעק) — קאַפּיטל.
דאָס רוב (ראָוו) — מערסטנס, דאָ: ווען צײַט, דעם גרעסטן טייל צײַט.
פֿאַרצײַטיק — פֿון אַלטע צײַטן.
אומרו — pendulum
וואָגן — די שווערע זאַכן וואָס הענגען אויף די קייטן פֿון גרויסן זייגער.
שײַערן — רייניקן, פּוצן.

צוגעטשעפּעטע שטיקער אייזן. דאָס האָט מען אין דער ערשטער צײַט, ווען דער זייגער האָט זיך אָפּגעשטעלט, געוואָלט אים, דעם זייגער, העלפֿן גיין מיט די דאָזיקע שווערע זאַכן. עס האָט אָבער ניט געהאָלפֿן.

ב.

ליבל אָבער האָט אמונה. ער גלייבט אַז דער זייגער וועט נאָך אַמאָל אָנהייבן גיין. און אפילו קלינגען.

ס׳מאַכט גאָר ניט אויס וואָס דער זיידע אַליין האָט שוין דעם זייגער אָפּגעזאָגט דאָס לעבן. און אפילו אַ שכן — אַ יונגערמאַן, אַן איידעם אויף קעסט — וואָס האָט ניט וואָס צו טאָן, איז שוין פֿיל מאָל געווען אין קאַמער און געפּרוּווט זײַן גרויסע געניטקייט. דער אומרו, נאָך אַ פּאָר מינוט באַוועגן זיך, איז ווידער שטיין געבליבן.

בײַ יעדן מאָל קומען צום זיידן האָט ליבעלע בגנבה זיך גע־דרייט אַרום דעם זייגער, געפּירט מיט דער האַנט דעם אומרו, אַהער און אַהין, מיינענדיק אַז ווען ער וועט די האַנט אַוועקנעמען פֿון אומרו, וועט ער זיך שוין באַוועגן אַליין. און אַט — יאָ... דער אומרו באַוועגט זיך איין מאָל אַהין, איין מאָל צוריק — אַליין... ליבלען קלאַפּט דאָס האַרץ שטאַרקער... אפשר וועט ער זיך שוין אַזוי באַוועגן אַליין. נאָר נאָך אַ דריטן מאָל אַהין, איז דער אומרו שטיין געבליבן, ווי גאָר קיין מאָל ניט געגאַנגען.

האָט ער שוין איין מאָל געפּרוּווט אַראָפּנעמען פֿון דער וואָג, אפשר וועט דעם זייגער ווערן גרינגער און ער וועט געהאָלפֿן ווערן. נאָך אַזאַ מיטל פֿון אַראָפּנעמען וואָג, וואָס האָט ניט געשטימט מיט די אָנגענומענע מיטלען וועגן אַן אַלטן זייגער, איז דער אומרו אַוועק זיין וועג אַליין און געגאַנגען בײַ אַ זעקס רגעס, הין און צו־ריק. ליבל האָט שוין געוואָלט אַרײַנלויפֿן פֿון קאַמער אין שטוב און אָנזאָגן די שׂמחה:

אמונה (עמונע) — גלויבן.

איידעם אויף קעסט — אַן איידעם וואָס מען האַלט אים אויס, מען גיט אים עסן און ער לעבט בײַם שווער. איידעם — son-in-law
שווער — father-in-law

בגנבה (ביגניייווע) —אין געהיים, מען זאָל ניט באַמערקן, אַזוי ווי געגנבעטערהייט.

— „ער גייט!...״

ס׳איז אים אָבער ניט געווען באַשערט. דער אומרו האָט זיך צוריקגעשטעלט; דער טיק־טאַק האָט אויפגעהערט.

לייבל וואָלט ניט אַזוי גיך אויפגעגעבן זײַן אַרבעט אַרום דעם זייגער. אָבער מען האָט אים גערופן צוריק:

— „זײַ ניט קיין נאַר... אַ נײַער מײַסטער! גרעסערע און קליגערע פאַר דיר האָבן ניט געקענט העלפן״.

און וואַרפנדיק אַן אומעטיקן בליק אויפן זייגער, פלעגט לייבל אַריין אין שטוב.

ג.

איין מאָל איז לייבלען געקומען צום זיידן. ס׳איז געווען סוף זומער. אין חדר האָט מען שוין ניט געלערנט. צײַט האָט ער גע־האַט גענוג.

אין שטוב האָט ער קיינעם ניט געטראָפן. דער זיידע איז צו־ליב געשעפטן געווען אין מאַרק. די באָבע מיט די דרײַ טעכטער האָבן זיך געפונען אין גאָרטן הינטער דער שטוב און האָבן דאָרטן אַרויסגענומען דאָס צײַטיקע גרינוואַרג.

לייבל איז אויף גיך אַרײַן אין קאַמער, צוגעגאַנגען צום פאַר־צײַטיקן זייגער ווי צו אַן אַלטן פריינד, אָדער גאָר ווי צו אַ מין עלטער־עלטער־זיידן, געקוקט אויף אים אי מיט רחמים, אי מיט פאַר־וואונדערונג, ווידער געפּרואווט אַ שאָקל טאָן דעם אומרו, אפשר וועט פּאַסירן אַ נס.

און אַז קיין נס האָט ניט פּאַסירט, האָט ער זיך אַוועקגע־שטעלט אויפן אייבערשטן וועגטל פון בעט, זיך אָנגעהאַלטן מיט איין האַנט אין וואַנט און מיט דער צווייטער געעפנט דאָס טירעלע וואָס האָט געפירט צום אינגעווייד פון זייגער, וואו עס האָבן זיך געפונען די אַלערליי מעשענע רעדעלעך און דראָטענע ספּרונזשינ־קעלעך.

מײַסטער — קענער, ספּעציאַליסט.

גרינוואַרג — vegetables

רחמים (ראַכאַמים) — רחמנות, מיטגעפיל.

נס (נעס) — וואונדער.

אינגעווייד — דאָס אינעווייניקסטע, די געדערים, bowels

ספּרונזשינקעלעך — small springs

דערזעענדיק דאָס דאָזיקע בילד, וואָס ער האָט ביז אַהער, זינט ער לעבט, נאָך ניט געזען, איז ער געבליבן שטאַרק פאַרוואונ-דערט.

אַז די ערשטע איבעררראַשונג איז אַוועק, האָט ער שוין די אַלע וואונדערלעכע רעדעלעך און ספּרוזשינקעלעך רואיקער באַטראַכט.

ער האָט געגעבן אַ דריי אַ רעדעלע, און דאָס רעדעלע איז געקומען גלײַך אין באַוועגונג און האָט פאַרטשעפּעט עפּעס אַ צווייטע זאַך, אַזוי ווי אַ קליין העמערל. לייבעלע איז גאָר געווען אַנט-ציקט פון אָט דעם מין קלייניקן העמערל. און ערשט, עס האָט זיך עפּעס אינעווייניק גענומען דרייען אַ ווײַלע. האָט ער שוין אין דער זעלבער צייט אַ לאָז געטאָן מיט דער האַנט דעם אומרו און האָט שוין דערהערט דעם ערנסטן, אָבער פײַערלעכן טאַק-טיק-טאַק. ס'איז אַ לענגערע ווײַלע געגאַנגען. אי דער אומרו האָט געקלאַפּט, אי דאָס רעדעלע האָט זיך געדרייט. אָבער באַלד האָט דאָס העמערל אויפגעהערט צו קלאַפּן און נאָך אים האָט גענומען לאַנגזאַמער זיך דרייען דאָס רעדעלע.

לייבעלען איז באַפאַלן אַן אומעט, ווי ער וואָלט געשטאַנען בײַ דער בעט פון אַ נאָענטן מענטשן, אַ געפערלעכן חולה.

אָבער אַ האָפענונג איז נאָך דאָ. ער האָט זיך דערמאָנט אַז אַ זייגער דאַרף זײַן אינעווייניק שטאַרק ריין. איין שטויבעלע און די רעדלעך דרייען זיך ניט. און דאָ זעט ער אַרום די ווענטלעך פון זייגער אינעווייניק און אפילו אויף אַנדערע רעדעלעך און ספּרונ-זשינקעלעך ליגט אַ דיקלעכער שטויב. איז ער אַראָפּגעשפּרונגען פון זײַן הייך, געפונען אין שטוב אַ פעדער. ער איז ווידער אַרויף-געשפּרונגען אויפן אויבן פון בעט, אַרײַנגעקוקט אין זייגער אינע-ווייניק און מיט אַ גוואַלדיקער פאָרזיכטיקייט געבלאָזן מיטן מויל און געווישט מיט דער פעדער דעם שטויב אין אַלע ווינקעלעך פון וואונדערלעכן אינגעווייד.

און באַלד ווידער אַ דריי געטאָן דאָס רעדעלע, און שטאַרקער אַ צווייט רעדעלע. עס האָט אָנגעהויבן אינעווייניק רוישן. דעם אומרו אָנגערירט בלויז מיט אַ פינגער און דער אומרו איז אַוועק שוין פון זיך אַליין... טיק-טאַק:.. טיק-טאַק... מיט גרויס פרייד.

און שוין מיט דעם גלויבן און מיט דער זיכערקייט פון אַ מײַס-

חולה (כוילע) — אַ קראַנקער.

טער האָט לייבל גענומען זיך צו די ווײַזערס. ווײַבאַלד אַז גיין גייט ער שוין, וויל ער הערן ווי אַזוי ער שלאָגט.

האָט ער דעם גרויסן ווײַזער מיטן קליינעם צוגערוקט ביז ציפֿער 12.

דער זייגער האָט אָנגעהויבן שלאָגן.

ער וויל שוין לויפֿן אין גאָרטן אָנזאָגן, אָבער ער וועט נאָך וואַרטן.

אָבער דערווייל, האָט ער דערהערט, איז אַרײַנגעקומען אין שטוב די באָבע, און באַלד איז זי אַרײַן אין קאַמער.

דערזעענדיק לייבעלען, וואָס איז שוין געשטאַנען אויף דער ערד קעגן דעם זייגער, האָט זי אפילו ניט דערהערט און ניט געזען ווי דער זייגער גייט.

זי האָט גוטמוטיק זיך גענומען בייזערן:

— „ווידער בײַם זייגער. דו נאַריש ייִנגל. דער זייגער וועט שוין מער ניט גיין. ער איז זייער אַן אַלטער...״

— „ער גייט יאָ!״ — האָט לייבל אויסגערופֿן.

— „מײַנע שונאים!״ — האָט די באָבע, דערזעענדיק און דערהערנדיק ווי דער זייגער גייט טאַקע, אויסגעשריִען ווי אַן איבערגעשראָקענע.

באַלד אָבער איז זי געקומען צו זיך, אַ שמייכל געטאָן, אָפּגעווישט מיטן פֿאַרטעך דעם פּנים, אַ רײַב געטאָן מיטן האַנט די אויגן און געזאָגט:

— „ער וועט זיך מסתּמא באַלד אָפּשטעלן״.

און איז פֿונדעסטוועגן אויף טשיקאַוועס געבליבן וואַרטן נאָך אַ ווײַלע, כאָטש זי איז שטאַרק פֿאַרנומען געווען.

ד.

לייבל — ער האָט אַליין ניט געוואוסט פֿאַרוואָס — איז אָבער געווען זיכער, אַז דער זייגער וועט שוין גיין און גיין.

ער האָט מיט אומגעדולד געוואַרט, אַז דער זיידע זאָל קומען פֿון מאַרק און אויך זען דעם וואונדער, וואָס ער, לייבל, האָט באַוויזן.

מײַנע שׂונאים! — אַן אויסרוף פֿון שרעק. שׂונאים (סאָנים) — פֿײַנד. דער זינען: זאָל דאָס בעסער אָנקומען אויף מײַנע פֿײַנד, ניט אויף מיר.

אויף טשיקאַוועס — פֿון נײַגעריקייט.

דער זיידע האָט געהאַט גרעסערע זאָרג ווי די זאָרג וועגן דעם זייגער. ער אַליין איז שוין אויך אַ צײַט ניט מיט אַלעמען. פונדעסטוועגן אַז ער איז געקומען פון מאַרק און דערהערט פון נײַס אַז דער זייגער גייט, איז ער צוגעגאַנגען צום זייגער, אַ נײַעם מין שמייכל געטאָן, וואָס שוין לאַנג אַז לייבל האָט אים אַזוי שמייכלען ניט געזען און ער, דער זיידע, האָט זיך אָפּגערופן:

— „טאַקע חידושים...״

— „איך האָב געגנוג געאַרבעט איבער אים, אַלע רעדעלעך גע־דרייט, אויסגערייניקט דעם שטויב און אַ סך וואָג אַראָפּגענומען״ — האָט זיך לייבל באַרימט.

— „זאָל זײַן אַזוי,״ — האָט דער זיידע שוין געמוזט נאָכגעבן און געוואָלט לייבעלען אַ גלעט טאָן איבערן קאָפּ, אָבער ווײַבאַלד אַזאַ מײַסטער, איז ער בלויז אָפּגעקומען מיט רימען לייבעלען מיט ווערטער:

— „איך ווייס, אַז דו האָסט אַ גוט קעפּל״.

לייבל איז געוואָרן דער העלד ניט נאָר פון יענעם טאָג און ניט נאָר בײַם זיידן אין שטוב. נאָר אַ לאַנגע צײַט האָט מען גע־רעדט, שוין טאַקע ניט וועגן די חידושים, נאָר וועגן לייבעלעס קאָפּ.

און דער פּאַרצײַטיקער זייגער אין זיידנס שטוב איז נאָך גע־גאַנגען און געגאַנגען, ווי לייבל וואָלט אין אים אַרײַנגעזעצט אַ נײַ לעבן.

און דאָס האָט שוין געמוטיקט אויך לייבעלעס זיידן אַליין. און הערנדיק שפּעט אין דער נאַכט קלינגען דעם זייגער, פלעגט ער זיך מיט ליבשאַפט דערמאָנען אין לייבעלען, אין זיינע אַלע קינדער און אין גאָר זײַן לעבן, און געהאָפט נאָך לאַנג צו גיין אויף דער ערד.

חידוש — נײַס, וואונדער.

די צוויי בּרידערלעך

א.

יאַנקעלע און בּערעלע — צוויי בּרידערלעך, דער ערשטער פערצן יאָר אַלט, דער צווייטער זעכצן — לערנען אין דער ישיבה וואָס געפינט זיך אין דער גרויסער שטאָט, פינף מײַל פון זייער געבוירן־שטעטל.

יאַנקעלע איז אַ דאַרינקער, אַ בּלייכינקער מיט צוויי שוואַרצע אייגעלעך וואָס קוקן כיטרע אַרויס פון אונטער די צוויי שוואַרצע בּרעמען. בּערעלע איז העכער און פולער פאַר יאַנקעלען, אויגן האָט ער העלערע, און זײַן קוק איז שטרענגער און פאַרטראַכטער.

די צוויי בּרידערלעך האָבּן געלעבּט בּײַ אַן אָרעמער קרובה, אַן אַלמנה, וואָס האָט זיך בּיז שפּעט אין דער נאַכט אין שטיבּל ניט געפונען. קײַן בּעט האָבּן די צוויי בּרידערלעך ניט געהאַט, דערפאַר אָבּער האָט דער קופערט, וואָס איז גענוג בּרייט געווען, געדינט זיי פאַר אַ בּעט. די צוויי בּרידערלעך פלעגן בּיידע געשמאַק שלאָפן אויף אים, אײַנדעקנדיק זיך מיט זייערע לאַנגע צעריסענע בּגדימלעך, און האָבּן אין חלום געזען זייער שטעטעלע, זייער געסל, דאָס שטיבּלע און דעם טאַטן מיט דער לאַנגער בּאָרד, מיט די אויס־געלאָשענע אויגן, מיטן געבּויגענעם רוקן, און געזען די מאַמען מיטן לאַנגן בּלייכן אומעטיקן פנים, און געהערט ווי די קליינע בּרידער־

ישיבה (יעשיווע) — אין אייראָפּע: אַ העכערע שול פאַרן יידישן רע־ליגיעזן וויסן.

מײַל — אין רוסלאַנד: אַן ערך (אַנערעך) פיר און אַ האַלבּ אַמערי־קאַנער מײַל.

כיטרע — cunning, sly

אַלמנה (אַלמאָנע) — widow

קופערט — coffer, trunk

לער און שוועסטערלעך קריגן זיך, רייסן זיך פאר א שטיקל הערינג...

און זיי האבן נאך געחלומט חלומות פון דער היים, און אין דער פרי האבן זיי געבענקט, און עס פלעגט זיי ציִען, ציִען, און דעמאלט פלעגן זיי לויפן אויף דער אכסניא פרעגן ביי די בעלי־עגלות א גרוס צי א בריוועלע פון דער היים...

און די בעלי־עגלות זיינען געווען גוטע ייִדן, האבן געהאט ווייכע הערצער און וואלטן אוודאי רחמנות געהאט אויף די צווויי ארעמע ייִנגלעך וואס גארן אזוי עפעס הערן פון דער היים, וואס זייערע אייגעלעך ברענען און זייערע הערצעלעך קלאפן אזוי שטארק, אזוי שטארק. זיינען די בעלי־עגלות געווען שטארק פארשמייעט: קומען פלעגן זיי אהער מיט טויזנטער שליחותן פון קרעמער און סוחרים, און בריוו האבן זיי געהאט מער פאר דער פאסט, און די ארדענונג איז ביי זיי געווען א סך ווייניקער ווי אין פאסט. בריוו פלעגן ביי זיי פארלעגן ווערן, פעקלעך פארפאלן ווערן. און צעטומלט, קראצנדיק זיך אין די פאטיליציעס, פלעגן זיי יעדערן ענטפערן: „אט באלד, באלד געפין איך... ניין... דאכט זיך פאר אייך האב איך גארנישט"...

אזוי האבן זיי געענטפערט גרויסע ייִדן וואס זיינען געקומען צו זיי. די ברידערלעך אבער פלעגן שטיין און שטיין, קוקן מיט דארשטיקע אויגן און מיט צעקלעמטע הערצער אויף לייזער בעל־עגלה און פלעגן ווארטן, טאמער וועט ער זיי באמערקן און זאגן זיי עפעס, כאטש א ווארט... נאר לייזער איז געווען פארהאוועט: דא האט ער אויפן הויף דעם פערד עסן געגעבן, דא איז ער אריינגעלאפן אינעווייניק אין אכסניא, דא האט ער זיך פונאנדערגערעדט מיט א מענטש פון א גרויסן געשעפט, וואס האט אים א רשימה

אכסניא (אכסאניע) — איינפארהויז, inn

בעלי־עגלות (באלעגאלעס), מערצאל פון בעל־עגלה (באלעגאלע) — פורמאן.

גארן — שטארק ווילן.

פארשמייעט — פארנומען, פארטאן, געהאלטן אין ארומלויפן.

שליחות (שליכעס) — message

סוחרים (סאכרים), מערצאל פון סוחר (סויכער) — merchant

פאטיליצע (אויך: פאטילניצע) — nape of the neck

פארהאוועט — זייער שטארק פארטאן, פארשמייעט.

רשימה (רעשימע) — צעטל, list

מיט סחורה געבראַכט אָפּצופירן אין שטעטל פאַר אַ קרעמער. און די ברידערלעך פלעגן אַלץ שטיין... ביז דעם עלטערן ברידערל — בערלען — פלעגט דאָס געדולד פּלאַצן און אַ פאַרביסענער, שיער ניט פונאַנדערוויינענדיק זיך פאַר פאַרדראָס, פלעגט ער קוים אויסרעדן:

— „איר האָט ר׳ לייזער אַ בריוועלע פון טאַטן?״

נאָר לייזער פלעגט אָדער פּלוצלונג ניט ווערן, אַנטלויפן אין גאַס אַריַין מיט ווער עס איז, אָדער זיַין פאַרטראָגן אין שמועס. בערעלע פלעגט זיך קוים דערוואַרטן אויף עפּעס אַן ענטפער, וואָס לייזער פלעגט אים, ניט קוקנדיק בערעלען אין פּנים, קאַלט אַרויסזאָגן:

— „ניטאָ... ניטאָ...״

— „ניטאָ!״ — פלעגט בערעלע אַרויסקרעכצן און אַ צעקלעמטער אַוועקרופן יאַנקעלען, און די ברידערלעך האָבן זיך געלאָזט גיין אויף זייערע טעג, אומעטיקע, דערשלאָגענע...

— „ער מוז אַוודאי פאַרלירן די בריוו!״ — האָט יאַנקעלע נאָך דעם אין עטלעכע מינוט אַרום אַרויסגערעדט.

— „אַ שלעכטער ייִד״, — האָט בערעלע געבראָמט מיט פאַרדראָס.

ב.

נאָר איין מאָל האָט זיי לייזער דאָך אַ בריוועלע איבערגעגעבן און דערצו אַ קליין פּעקל. אין בריוועלע איז געשטאַנען:

„ליבע קינדער, זיַיט מענטשן און ווילט לערנען. מיר שיקן איַיך דאָ אַ האַלבן קעז און אַ פערטל פונט צוקער און אין גלעזל אַ ביסל יאַגדעס־סאָק. עסט געזונטערהייט און קריגט זיך ניט.

ממני אביכם חיים העכט״.

סחורה (סכוירע) — merchandise

טעג — די וואָס האָבן זיך געלערנט אין ישיבה, די ישיבה־בחורים, פלעגן עסן טעג, דאָס הייסט קריגן צו עסן יעדן טאָג ביַי אַן אַנדער באַלעבאָס.

גיין אויף זייערע טעג — גיין צו זייערע באַלעבאַטים וואו זיי האָבן געגעסן טעג.

יאַגדעס־סאָק — juice (or preserves) of berries

ממני אביכם (מימעני אַוויכעם) „פון מיר איַיער פאָטער״. עס איז געווען אָנגענומען צו פאַרענדיקן אַ בריוו מיטן וואָרט: ממני — פון מיר. נאָך דעם איז געקומען דער „טיטל״ און דער נאָמען.

דעמאָלט איז בײַ זיי אין די אויגן לייזער בעל-עגלה געווען דער בעסטער מענטש אין דער וועלט. זיי וואָלטן זיך ניט געשעמט. וואָלטן זיי אים מיט זײַן פערד און וואָגן פאַר ליבשאַפט אויסגעקושט. זיי האָבן גלײַך אָנגעשריבן אַ בריוול און האָבן עס אויף דער נאַכט ביידע אָפּגעטראָגן לייזער בעל-עגלה. לייזער האָט עס קאַלט צוגענומען, אַרײַנגערוקט אין בוזעם און עפּעס אַרויסגעברומט אַ וואָרט, ענלעך צו „גוט".

— „וואָס האָט ער געזאָגט, בערל ?" — האָט יאַנקעלע מיט האַרץ-קלאַפּעניש געפרעגט.

— „גוט, דאַכט זיך..." — האָט בערל מיט ספקות געענטפערט.

— „מיר האָט זיך אויך געדאַכט, אַז ער האָט געזאָגט: גוט!"

— האָט יאַנקעלע זיך אַליין באַרואיקט. ער האָט אַ זיפץ געטאָן און צוגעגעבן מיט שרעק:

— „ער קאָן נאָך דעם בריוו אָנווערן!"

— „ביים בעסער אָפּ די צונג!" — איז בערעלע אין כּעס געוואָרן.

און פאַרקלערט וועגן גורל פון זייער בריוו אַהיים, האָבן זיי זיך געלאָזט גיין אויף זייערע „טעג". וואָס זיי האָבן געהאַט אין באַזונדערע גאַסן.

אַזוי זײַנען די צוויי ברידערלעך דרײַ מאָל אַ וואָך, ווען לייזער בעל-עגלה קומט צו פאָרן אַהער, אַלע אין דער פרי, ניט געגאַנגען, נאָר געלאָפן אויף דער אכסניא, פרעגן אָן ענטפער אויף זייער בריוועלע. און לייזער דער בעל-עגלה איז וואָס אַ מאָל אַלץ מער צעטראָגענער, בייזער און ענטפערט זיי אָדער האַלבע ווערטער, וואָס די צוויי ברידערלעך באַנעמען עס ניט און וואָלטן וועלן איבערפרעגן, ווען זיי וואָלטן קיין מורא ניט געהאַט, אָדער ער ענטפערט זיי גאָרניט און זיי גייען אַוועק מיט צעקלעמטע הערצער.

ספקות (ספּייקעס) — doubts

אָנווערן — פאַרלירן.

גורל (גוירל) — fate

באַנעמען — פאַרשטיין.

צעקלעמט — צעוויטאָגט.

איין מאָל אָבער האָבן זיי דערהערט פון לייזער דעם בעל־עגלה גאַנצע ווערטער, וואָס זיי האָבן גוט פאַרשטאַנען:

— „וואָס האָט איר זיך, קונדיימים, צוגעטשעפּעט? וואָס דולט איר מיר אַ קאָפּ: בריוול, שמיוול!... איר צאָלט מיר אַ סך? איך בין אייערער אַ פּאָטשטאַליאָן, וואָס? גייט אייך געזונטערהייט"...

די צוויי ברידערלעך זײַנען טאַקע אַוועקגעגאַנגען, אָבער ניט געזונטערהייט ווי ער האָט זיי געהייסן. דאָס האַרץ האָט זיי מאָדנע געדריקט, שטאַרק ווי געטאָן, און די יונגע דינע פּיס האָבן זיך געבויגן, און טראָפּנס טרערן האָבן זיך זיי אין די אויגן געשטעלט און אַראָפּגערונען אויף דער ערד און צעטרעטן געוואָרן פון מענטשלעכע שווערע טריט.

און מער זײַנען זיי שוין ניט געגאַנגען צום בעל־עגלה פרעגן אויף אַ בריוו.

— „ליגט ער אין דר'ערד!" — האָבן זיי געשאָלטן, כאָטש זייערע הערצלעך האָבן עס ניט געמיינט, און זיי האָט געצויגן כאָטש גיין זען לייזער בעל־עגלה, זיין פערד און וואָגן: זיי זײַנען דאָך פאָרט פון זייער אייגן שטעטל און זיי זײַנען שוין דערפאַר ליב די צוויי ברידערלעך.

ג.

איין מאָל, אין אַ פּאָר וואָכן אַרום, נאָך דעם ווי דער בעל־עגלה האָט זיי אַזוי פּאַריאַגט, זײַנען די צוויי ברידערלעך געזעסן בײַ דער אָרעמער קרובה אין שטיבל און האָבן גערעדט וועגן דער היים. דאָס איז געווען אַ זומערדיקער טאָג, פרייטיק.

— „וואָס קען איצטער צו טאָן דער טאַטע?" — האָט יאַנקעלע אַ זאָג געטאָן, אַריינקוקנדיק אין די קליינע שײַבעלעך פון די קליינע פענצטערלעך.

— „ער שנײַדט אוודאי די נעגל", — האָט בערעלע מיט אַן אומעטיק שמייכעלע געענטפערט.

קונדיימים — מערצאָל פון קונדעס, ווילדער יונג.
שמיוול — אויף אָפּצולאַכן קען מען פאַרדרייען אַ וואָרט: אַנשטאָט דעם ערשטן אות (אָדער די ערשטע צוויי אותיות) אַוועקשטעלן שמ.
פּאָטשטאַליאָן — בריווטרעגער.
קען צו טאָן — קען מסתמא טאָן, דאַרף טאָן.

— „ער מוז גאָר איצטער צעהאַקן אַ פּוסנאָהע״... — האָט יאַנקעלע זיך פאַרגעשטעלט — „און די מאַמע מוז קעמען איצטער כיענעלען, און כיענעלע מוז אוודאי וויינען״...

— „גענוג צו רעדן נאַרישקייטן,״ — האָט בערל אים אָפּגעשטעלט — „וואָס קען מען וויסן אונטער די אויגן וואָס דאָרטן טוט זיך. אפשר איז עמעצער גאָר געשטאָרבן״ — האָט ער צום סוף גענומען שרעקן יאַנקעלען.

— „גיי, גיי, משוגענער!״ — האָט יאַנקעלע איבערגעשלאָגן — „אַז מען שטאַרבט זאָגט מען דאָך אָן״...

— „אפשר האָט מען אָנגעזאָגט און דער בעל־עגלה גיט אונדז ניט איבער״...

— „איי, גענוג צו פּלאַפּלען!״ — האָט שוין יאַנקעלע זיך צעבייזערט אויף אַן אמת.

— „שאַ, נאַרעלע, איך לאַך דאָס!״ — האָט בערל אים באַרואיקט — „אַלע לעבן...״

יאַנקעלע איז פריילעך געוואָרן און האָט פּלוצלונג אַ שפּרונג געטאָן אין דער הייך און מיט לוסטיקע אייגלעך אויסגעשריִען:

— „בערל! פאָלג מיך, לאָמיר שיקן גאָר אויף פּאָסט אַ בריוול אַהיים!״

— „ביסט גערעכט!״ — האָט בערל איינגעשטימט — „איך האָב אָבער קיין געלט ניט״.

— „איך האָב אַ פירערל, מיר איז געבליבן פון נעכטיקן צענערל. אויף מייַן דאַנערשטיק גיט מען דאָך מיר, ווייסט דאָך, אַ צענערל אויף וועטשערע, איז מיר אַ פירערל געבליבן״.

— „און איך האָב אויך אַ קאָפּיקע!״ — האָט בערל געזאָגט — „אַקוראַט אויף אַ פּאָסט־קאַרטל״.

—„ווער וועט אָבער שרייַבן?״ — האָט יאַנקעלע געפרעגט.

— „איך״, — האָט בערעלע געענטפערט — „איך בין דאָך עלטער, איך בין דאָך אַ בכור.

— „איך גיב דאָך אָבער אַ פירער״.

פּוסנאָהע — דער אונטערשטער טייל פון אַ פוס פון אַ קו אָדער קאַלב.
פירער — פיר גראָשן, צוויי קאָפּיקעס.
צענער — צען גראָשן, פינף קאָפּיקעס.
מייַן דאָנערשטיק — דאָס אָרט וואו איך עס יעדן דאָנערשטיק.
בכור (בכאָר) — דער עלטסטער זון.

—„אַ בכור איז מער ווערט ווי אַ פּירער".
— „ניין! איך וועל שרײַבן אַ האַלבע און דו אַ האַלבע, האַ?"
— „זאָל זײַן אַזוי. קום קויפן אַ קאַרטל!"
און די צוויי ברידערלעך זײַנען אַוועקגעלאָפן קויפן אַ קאַרטל אין פּאָסט.
— „דאָ וועט זיך גאָר ניט אויסשטעלן!" — איז יאַנקעלע ניט געווען צופרידן באַטראַכטנדיק, צוריקגייענדיק אַהיים, דאָס קליינע קאַרטל.
— „מיר וועלן שרײַבן קליינינקע אותיותלעך, מאַנטשינקע", — האָט בערעלע אַן עצה געגעבן.
— „וועט דער טאַטע ניט קענען איבערלייענען"...
— „נישקשה! ער וועט אָנטאָן די שפּאַקולן!"
— „נו, קום גיכער!" — האָט יאַנקעלע געטריבן.
זײַן הערצל איז שוין פול געוואָרן מיט ווערטער, און ער האָט זיי געוואָלט שוין אויף דער גיך אויסגיסן אויפן שטיקעלע פּאַפּיר, פאַר וועלכן ער האָט זײַן גאַנצן פאַרמעגן אַוועקגעגעבן.
זיי זײַנען געקומען אין שטיבל און האָבן זיך גענומען גרייטן צום שרײַבן.

ד.

בערל האָט גענומען שרײַבן דער ערשטער, יאַנקעלע איז גע-שטאַנען און געקוקט.
— „הייב אָן העכער, דאָ קאָן מען דאָך שרײַבן אַ שורה. וואו האָסטו אַזוי ווײַט אַוועקגעשטעלט דעם לאַהובֿי!" — האָט יאַנקע-לע געשריִען.
— „וואו זאָל איך אים שטעלן? אויפן הימל — וואָס?" — האָט בערעלע גערעדט און געטריבן פון זיך יאַנקעלען: — „גיי אַוועק! איך וועל דיר לאָזן אַ האַלבע, טומל מיר ניט"...
— „שאַ! שאַ!" — איז יאַנקעלע אָפּגעטראָטן און געקוקט פון דער ווײַט מיט דאַרשטיקע אויגן אויף בערעלען, ווי אַזוי יענער

מאַנטשינקע — גאָר קליינינקע.
עצה (אייצע) — advice
שפּאַקולן — ברילן.
לאַהובֿי (לעאַהוואווי) — „צו מײַן געליבטן", אַזוי איז געווען אָנגענומען אָנצוהייבן אַ בריוו.

זיצט פאַרטיפֿט און שרײַבט, שרײַבט, קניטשט דעם שטערן און טונקט די פֿען און פֿאַרטראַכט זיך און שרײַבט ווײַטער.

— „גענוג שוין!" — האָט יאַנקעלע אין עטלעכע מינוט אַרום אַ געשריי געגעבן.

— „עס איז נאָך ניט קיין האַלבע", — האָט בערעלע שרײַבנדיק געענטפֿערט.

— „מיר קומט דאָך מער ווי אַ האַלבע!" — האָט יאַנקעלע שוין בייז געשריִען. דער חשק צו שרײַבן, אויסגיסן דאָס האַרץ פֿאַר די היימיקע האָט אים שוין אין גאַנצן דורכגענומען.

נאָר בערעלע האָט שוין ניט געהערט. ער דאַרף נאָך פֿאַרמסרן לייזער דעם בעל-עגלה, ער דאַרף נאָך שרײַבן וויפֿל בלאַט גמרא ער האָט אָפּגעלערנט, ער דאַרף נאָך געבן אָנצוהערעניש, אַז מען זאָל זיי שיקן עפּעס אַ פּעקל, ווײַל עס פֿעלט זיי צו מאַנטיק און צו מיטוואָך, און דער דינסטיק איז אויך ווי גאָרנישט.

און בערעלע שרײַבט און יאַנקעלע קען זיך שוין ניט אײַנהאַלטן, ער זעט ווי בערעלע פֿאַרנעמט מער ווי אַ העלפֿט.

— „גענוג!" — איז ער צוגעלאָפֿן מיט אַ געשריי און אָנגעכאַפּט פֿאַרן הענטל פֿון פֿעדער.

— „נאָך דרײַ ווערטער!" — האָט זיך בערעלע געבעטן.

— „אָבער געדענק זשע: מער ניט!" — האָט יאַנקעלע געשריִען און די אויגן האָבן אים געפֿלאַקערט.

און בערעלע האָט זיך גענומען שרײַבן די פּאָר ווערטער, נאָר דער געדאַנק וואָס ער האָט געדאַרפֿט אויסדריקן, האָט געפֿאָדערט נאָך אַ צען ־פֿופֿצן ווערטער. און בערעלע, אַ באַגייסטערטער פֿון שרײַבן, האָט געפּיקט אויפֿן פּאַפּיר און פֿאַרנומען נאָך אַ שטיק פֿון דער אַנדערער העלפֿט פֿון קאַרטל.

— „דו הערסט אויף!" — האָט יאַנקעלע אויסגעשריִען און זיך היסטעריש פֿונאַנדערגעוויינט, באַטראַכטנדיק דאָס קליינע שטיקעלע, וואָס פֿאַר אים איז געבליבן.

— „שאַ, נאָך ממני בנך"... — האָט זיך בערעלע געבעטן — „מער ניט!"

חשק (כיישעק) — ווילן, פֿאַרלאַנג.
פֿלאַקערן — ברענען מיט אַ העלן פֿלאַם.
ממני בנך (מימעני בינכאַ) — „פֿון מיר, דײַן זון".

נאָר יאַנקעלע דערמאָנט זיך, אַז ער האָט געגעבן אַ גאַנצן פּי־רערל און בערלס וועט מען אין דער היים לייענען אַזוי פּיל. ער איז אַזוי צעקאָכט געוואָרן, אַז ער האָט גענומען מיט ווילדקייט רײַסן פון אונטער בערלס הענט דאָס קאַרטל.

— „לאָז מיר שטעלן נאָך ממני בנך!" — האָט זיך בערעלע שטאַרקער געבעטן — „מער ניט!"

— „עס וועט זײַן רעכט אָן ממני בנך"... — האָט יאַנקל געשריִען, כאָטש ער האָט געפילט, אַז ממני בנך מוז זײַן. דער כּעס האָט אין אים אָבער גענומען קאָכן און ער האָט גענומען שלעפּן מיט גוואַלד דאָס קאַרטל. בערעלע האָט פעסט צוגעדריקט, נאָר יאַנקל האָט אַזאַ שטאַרקן שלעפּ געטאָן, אַז דאָס קאַרטל האָט זיך אויף צווייען צעריסן.

— „וואָס האָסטו געטאָן, גזלן?" — האָט בערל ווילד אויס־געשטעלט זײַנע אויגן אויף יאַנקעלען.

— „איך האָב געוואָלט אַזוי!" — האָט יאַנקל געזאָגט דורך פאַרשטיקטע טרערן.

— „וואָס האָסטו געטאָן?" — האָט בערל ווײַטער געפרעגט קוקנדיק מיט פאַרצווייפלטע בליקן אויף די צוויי האַלבע צעריסענע שטיקער פונעם פאָסט־קאַרטל.

נאָר יאַנקל האָט ניט געקענט ענטפערן. די טרערן האָבן אים געוואָרגן און ער האָט אַ פאַרצווייפלטער אַ פאַל געטאָן צו דער וואַנט און זיך געריסן די האָר. דאָ האָט שוין בערל אויך ניט אויס־געהאַלטן און דאָס קליינע שטיבל איז פול געוואָרן מיט יאָמער...

יאָמער — ביטער געוויין, געוויין הויך אויפן קול.

די נײַע לאַטע

א.

יאַנקעלע איז אַ ייִנגעלע פֿון זיבן יאָר, נאָר זען זעט ער אויס ווי צען יאָר, אָבער דערין איז ניט ער נעבעך שולדיק, נאָר דאָס איבערגענייטע קאַפּאָטקעלע זײַנס. עס עלטערט אים פֿאַר דער צײַט, עס איז אויף אים זייער ברייט און לאַנג. בשעת מען האָט עס איבערגענייט פֿאַר אים, האָט די מאַמע געהאַט אין זינען אַז עס זאָל קלעקן אויף עטלעכע יאָר, ווײַל דאָס קינד האַלט אין וואַקסן. אויך דאָס היטעלע זײַנס איז אַן אַלטס און אַ גרויס — פֿון טאַטנס קאָפּ. זעט ער אין זיי אויס עלטער אויף שטאַרקע דרײַ יאָר. דער טאַטע זײַנער, ווען ער איז אין גוטן הומאָר, רופֿט אים „באַלעבעסלע" — און יאַנקעלע איז צופֿרידן.

דערפֿאַר אָבער זײַנען זייער קורץ יאַנקעלעס הייזעלעך. די לעצטע צײַט זײַנען זיי אויך צעפּליקט געוואָרן, און בײַ יאַנקעלען זעען זיך נעבעך אַרויס די הוילע קני. די מאַמע האָט דורכן ווינטער ניט איין מאָל דערמאָנט דעם טאַטן:

— „וואָס וועט זײַן, חײַקל, מיט אַ פּאָר הייזעלעך פֿאַר יאַנקעלען? זיי זײַנען דאָך שוין צעבערקלט געוואָרן".

און חײַקל פֿלעגט אַ קוק טאָן אויף יאַנקעלען, אים הייסן באַווײַזן. יאַנקעלע דעקט אויף די פּאָלעס און שטעלט אויס די פּיסלעך. דער טאַטע באַטראַכט מיט גרויס מבֿינות די ריסן אין די הייזעלעך און ענטפֿערט:

— „מען דאַרף זען מאַכן..."

קאַפּאָטקעלע — קליינע קאַפּאָטע; די קאַפּאָטע, דער אַלטמאָדישער ייִדישער ראָק, איז געווען לאַנג איבער די קני.

באַלעבעסל — אַ יונגערמאַן וואָס האָט ניט לאַנג חתונה געהאַט; אַ קליינער באַלעבאָס.

פּאָלע — ברעג פֿון אַ מלבוש (מאַלבוש).

מבֿינות (מעווינעס) — קענטשאַפֿט, פֿאַרשטענדעניש.

און אַ גאַנצן ווינטער האָט מען אַלץ געזען צו מאַכן... עס איז אָבער אַ שווערער ווינטער געווען. מען האָט זעלטן אַ גראָשן אין שטוב געזען — און מען האָט ניט געמאַכט.

נאָך פּורים האָט יאַנקעלע גענומען מאָנען:

— „מאַמע, ניי פֿאַר מיר הייזעלעך, מאַמע!"

און די מאַמע האָט פֿאַרזיכערט אַז ווי נאָר די מצה וועט זײַן אין שטוב, וועט מען גיין אין קראָם און נעמען פֿאַר אַלע קינדער סחורה, און יאַנקעלען אויף הייזעלעך, און אפֿשר אַ היטעלע וועט מען אים אויך קויפֿן...

מען האָט מצה קוים אָפּגעבאַקט. עס איז געבליבן אַ וואָך צו פּסח. און אין שטוב איז קיין גראָשן ניטאָ. חײַקל האָט אָפּגעלייגט גיין אין קראָם אויף נאָך פּסח.

— „נאָך פּסח וועט אם ירצה השם זיך ווײַזן אַרבעט!" — האָט ער מיט בטחון אין האַרצן געזאָגט.

חײַקל האָט געהאַט אַ מלאכה אין האַנט — אַ מאָליער איז ער געווען — און בטחון אין האַרצן.

— „וויל הייזעלעך!" — האָט יאַנקעלע זיך געוואָרפֿן מיט אַ געוויין אַ פּאָר טעג פֿאַר פּסח.

— „נו, יאַנקעלע, וויינען טאָר מען ניט! אין ווינקעלע שטייט דער בעזעם!" — האָט דער טאַטע געסטראַשעט. דער בעזעם איז אפֿילו געווען אַן אַלטער, און די עלטערע שוועסטער וואָס היט דעם בעזעם ווי דאָס אויג אויף קאָפּ וואָלט גאַרניט געלאָזט רירן אַ ריטעלע. דאָך איז יאַנקעלע באַלד שטיל געוואָרן.

סחורה (סכוירע) — merchandise אויך: שטאָף אויף נײַע מלבושים (מאַלבושים).

קוים אָפּגעבאַקט — קוים מיט צרות אָפּגעבאַקט, דאָס הייסט עס איז זייער שווער אָנגעקומען צו קריגן געלט צו קענען באַקן מצות אויף פּסח.

אם ירצה השם (אים יירצע האַשעם, אין גיכן רײדן: מירצעשעם) — „אויב גאָט וועט ווע‎לן"; זייער אַן אָפֿטער אויסדרוק בײַם דערמאָנען עפּעס וואָס מען וויל עס זאָל טאַקע געשען.

מאָליער — painter

בטחון (ביטאָכן) — פֿעסטער גלויבן; רואיקע, גלייביקע זיכערקייט.

בעזעם — דער בעזעם — broom איז פֿון ריטלעך — small twigs מען קען אַרויסרײַסן אַ ריטל פֿון בעזעם צו שמײַסן מיט דעם.

אויף מאָרגן האָט ער אָבער זיך נאָך שטאַרקער פונאַנדערגע־וויינט:

— „ניי מיר הייזעלעך, מאַמע, האָסט דאָך צוגעזאָגט!" — און יאַנקעלע האָט אָפּגעדעקט די פּאָלעס און וויינענדיק געוויזן:

— „זע, זע, צעריסן, איך שעם זיך..."

— „וואָלטסט אפשר זען צו קריגן עפּעס אויף הייזעלעך..."

— האָט די מאַמע זיך געווענדט צום טאַטן.

— „אפשר גיין גנבענען?" — האָט דער טאַטע געענטפערט.

ב.

— „ווייסטו וואָס, יאַנקעלע?" — האָט די מאַמע זיך פּלוצעם ווי אויפגעכאַפּט — „איך וועל דיר לייגן אויף די הייזעלעך לאַטעס. און עס וועט זײַן שענער ווי נייע..."

— „טאַקע?" — האָט יאַנקעלע מיט לוסטיקע אייגעלעך גע־פרעגט.

— „אויף נאמנות, מײַן קינד. וועסט זען! באַלד וועל איך אַרויסנעמען דעם קאַסטן פון אונטערן בעט. דאָרטן ליגט בײַ מיר אַ שטיק קאָרט, אין קעסטעלעך..."

— „אין קעסטעלעך!" — האָט יאַנקעלע זיך נאָך מער דער־פרייט. שוין לאַנג אַז ער האָט חשק צו אַזאַ מין בגד, נאָר ער האָט קיין מאָל ניט געהאַט קיין העזה צו טראַכטן פון אַזאַ גליק.

און די מאַמע האָט אַרויסגענומען דעם קאַסטן פון אונטערן בעט און זיך גענומען זוכן דאָס שטיקל קאָרט אין קעסטעלעך. זי האָט עס געפונען און געוויזן דעם טאַטן און יאַנקעלען.

— „אַן אַנטיק אין דער וועלט!" — האָט דער טאַטע אויס־געשריִען כּדי נאָך מער אָפּצונאַרן יאַנקעלען, — „עס וועט זײַן גאָר רײַך". און ער דריקט די ווערטער און ווינקט מיט די אויגן צו דער מאַמען.

און יאַנקעלע איז געווען אויפן זיבעטן הימל. דאָס שטיקעלע

אויף נאמנות (נעעמאָנעס) — איך גיב מײַן וואָרט, איך פאַרזיכער. דער אויסדרוק ווערט אָפט געניצט צו פאַרפעסטיקן אַז די רייד זײַנען אמת.

קאָרט — אַ מין ביליקער שטאָף.

חשק האָבן (כיישעק) — ווועלן, באַגערן.

העזה (האַזע) — מוט, דרײַסטקייט, חוצפּה.

אַנטיק — אַן אַלטע, אַ זעלטענע, אַ טײַערע זאַך.

סחורה האָט אים אַנטציקט. ער האָט גענומען ציילן די קעסטעלער:
— „איינס, צוויי, דריַי, פיר, אוי, סאַראַ סך קעסטעלעך!"
— „היַינט ביַינאַכט וועל איך דיר פאַרריכטן, ווען דו וועסט שלאָפן".
— „עס וועט זיַין שיין!" — האָט יאַנקעלע מיט אַ שיַינענדיק פּנים געזאָגט, האַלטנדיק דאָס שטיקל סחורה. — „מאַמע, וואו האָסטו עס גענומען?"
—„עס ליגט שוין ביַי מיר לאַנג. איך האָב זיך גאָר פאַרגעסן".
ביַינאַכט האָט יאַנקעלע אויסגעטאָן די הייזעלעך, זיך געלייגט אין בעט, און די מאַמע האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט. איר שטערן האָט זיך געקנייטשט, די אויגן האָבן געגלאָצט און דער מוח האָט געאַרבעט.
יאַנקעלע איז געלעגן אין בעט און האָט ניט געקאָנט איַינשלאָפן. אַלע וויַילע האָט ער געפרעגט:
— „נו, מאַמע, באַלד?"
— „שלאָף, שלאָף, מיַין קינד, עס וועט נאָך געדויערן."

ג.

אויף מאָרגן פרי, ערב פּסח, האָט די מאַמע יאַנקעלען געוועקט:
—„שטיי אויף, מיַין זון, איך האָב פאַרטיק געמאַכט די הייזעלעך."
— „וואָסערע הייזעלעך?" — האָט יאַנקעלע זיך געריבן די פאַרשלאָפענע אייגעלעך.
— „דיַינע הייזעלעך... פאַרריכט!"
יאַנקעלע האָט זיך גוט אויסגעריבן די אייגעלעך, זיך דערמאָנט אין דעם נעכטיקן שטיק קאָרט אין די קעסטעלעך, און זיַין פּנימל האָט גענומען שיַינען:
— „שיין עפּעס? הא, מאַמע?" — האָט ער אויסגעשטעלט די אייגעלעך.
— אַן אַנטיק!" — האָט די מאַמע געשמייכלט, — „נאַ, טו אָן!"
יאַנקעלע האָט אויף גיך זיך אַנגעטאָן און אָנגעהויבן צו באַטראַכטן מיט אַן ערנסט פּנימל.

גלאָצן — קוקן מיט אויסגעשטעלטע, ברייט צעעפנטע אויגן.

— „אַזוי ווי נײַע!" — האָט ער פֿריילעך אויסגעשריִען, טאַפּנ־דיק די צוויי גרויסע לאַטעס וואָס אויף יעדער קני.

— „נאָך שענער", — האָט די מוטער ביטער געשמייכלט.

— „טאַקע שענער!" — האָט יאַנקעלע אײַנגעוויליקט, — „אָט די איז אַ שענערע, זי איז אַ קײַלעכדיקע, אַזוי ווי אַ ראָד..."

— „די אַנדערע איז אויך שיין, מײַן זון", — האָט די מאַמע אים געטרייסט.

יאַנקעלע האָט פֿאַרזיכטיק זיך געוואַשן, ער זאָל חלילה ניט פֿאַרשפּריצן די קײַלעכדיקע לאַטע. עס האָט זיך אים אָבער ניט אײַנגעגעבן. די אמת שיינע קײַלעכדיקע לאַטע האָט זיך אַ ביסעלע פֿאַרשפּריצט, און יאַנקעלע האָט אַ ביסל צער געהאַט דערפֿון. באַלד האָט זיך אָבער אויסגעטריקנט. ווײַל יאַנקעלע האָט זיך גע־שטעלט לעבן אויוון, וועלכן מען האָט געברענט אויף פּסח. און ער איז ווידער פֿריילעך געוואָרן.

ער האָט אָנגעטאָן דאָס קאַפּאָטקעלע, און — אוי ווייי! — ווידער אַ צער: דאָס קאַפּאָטקעלע איז לאַנג און עס פֿאַרשטעלט אַזעלכע צוויי שיינע לאַטעס. אַז ער וועט אַרויסגיין אויף דער גאַס זיך שפּילן, וועלן די יינגלעך אפֿילו גאָרניט זען...

— „מאַמע," — האָט ער זיך געקלאָגט, — „די קאַפּאָטע איז אַ לאַנגע — עס זעען זיך ניט די לאַטעס אַרוים!"

— „סאַראַ דאגה, מײַן זון", — האָט די מאַמע מיט אַ זיפֿץ אים געטרייסט, — „אַז מען זעט ניט איז נאָך בעסער..."

— „איך וויל ניט, איך וויל ניט!" — האָט יאַנקעלע זיך קאַפּ־ריזנע געוואָרפֿן, — „שנײַד מיר אונטער דאָס קאַפּאָטקעלע!"

— „שפּעטער, מיין זון," — האָט די אָרעמע מוטער אים צוגע־זאָגט, — „עס אָפּ פֿריִער דעם חמץ. באַלד וועט מען דאַרפֿן טראָגן אויפֿן בוידעם."

אַז ער האָט אָפּגעגעסן אָנבײַסן און איז אַרוים שפּילן אויפֿן הויף, האָט ער גלײַך געפֿונען אַ קאָמפּאַניע יינגלעך, אַלע אין נײַע בגדים.

דאגה (דײַגע) — זאָרג.

חמץ (כאָמעץ) — געזײַערט ברויט, אַלץ וואָס מען טאָר ניט עסן פּסח. ערב פּסח אין דער פֿרי עסט מען נאָך חמץ. וואָס עס בלײַבט אי־בער נעמט מען צו פֿון שטוב.

— „דיר, יאַנקעלע, האָט מען גאָרניט געגייט אויף פּסח?" — האָט אים איין ייִנגעלע געפרעגט.

יאַנקעלע האָט גאָרניט געענטפערט. נאָר מיט שטאָלץ האָט ער פאַרקאַשערט דאָס קאַפּאָטקעלע און געוויזן די צוויי נײַע לאַטעס.

די ייִנגלעך האָבן זיך פונאַנדערגעלאַכט.

— „וואָס לאַכט איר, וואָס?" — איז יאַנקעלע אין כּעס געוואָרן. און פאַר פאַרדראָס וואָס זיי שאַצן נישט אָפּ די שיינקייט פון די נײַע לאַטעס, האָט ער שיער נישט אָנגעהויבן וויינען.

— „כּי־כּי־כּי! נײַע לאַטעס! כּי־כּי־כּי!"

— „אַוועק!" — האָט יאַנקעלע אויפגעהויבן אַ שטיקל בלאָטע און אַ וואָרף געטאָן פאַר כּעס, — „אַוועק!"

אונטערשנײַדן דאָס קאַפּאָטקעלע האָט שוין יאַנקעלע נישט געוואָלט. ער האָט שוין פאַרשטאַנען אַז נײַע לאַטעס זײַנען נישט אַזאַ גרויס גליק, ווי ער האָט זיך פאַרגעשטעלט.

פאַרקאַשערן — פאַרקאַטשען, אויפהייבן די פאָלעס אָדער אַרויפדרייען די אַרבל.

דער קראַנקער פינגער

א.

זעליג איז אַ בלאַסער אַכצניעריקער פּועל, וואָס אַרבעט שוין בײַ לײזער דעם שנײַדער צוויי יאָר און באַקומט שׂכירות פּופציק רובל אַ יאָר מיט קעסט. האָט בײַ אים אָנגעריסן אַ פינגער, און אַקוראַט יענער פינגער, אַז װעלכן די נאָדל קען ניט אויסקומען.

ער איז אויפגעשטאַנען מיט אַ פינגער, וואָס האָט געהאַט דאָס אויסזען פון אַ גלאָז און מיט אַ שטעכעניש וואָס איז אַזש אין די שפּיץ פינגער פון די פיס פאַרגאַנגען. אַז ער האָט געדאַרפט אָנטאָן דאָס רעקל און דער קראַנקער פינגער האָט זיך פאַרטשעפּעט אין צעריסענעם אונטערשלאַק פון אַרבל, האָט ער זיך פאַרקרימט און געגעבן אַ קרעכץ ווי אין דער היים פאַר דער מאַמען:

„אוי!"

דאָ אָבער, בײַם שנײַדער, האָט עס קיינער נישט געהערט און זעליג האָט זיך ניט געקענט קיין עצה געבן וואָס צו טאָן, ווי אַזוי זאָגט מען עס דעם באַלעבאָס און דער באַלעבאָסטע. מען דאַרף האָבן דערצו אַ כּוח. ער ווייס אַליין נישט וואָס פאַר אַ כּוח — ער ווייס נאָר אַז ער וועט עס ניט קענען מעלדן.

און זעליג באַשליסט בײַ זיך צו שווײַגן, זיצן אַן אָנגעטאָנענער און שווײַגן אין געהאַקטע וואונדן; זאָל זײַן וואָס עס וועט זײַן: וועט אויסקומען צו דערציילן — וועט ער דערציילן.

די צוויי איבעריקע פּועלים האָבן זיך שוין אָנגעטאָן און האָבן

פּועל (מערצאָל: פּועלים, לייען: פּויעל, פּויאַלים) — אַרבעטער, געדונגענער אַרבעטער; אַן אַרבעטער בײַ אַ בעל־מלאכה.
קעסט — עסן און אַן אָרט צום שלאָפן.
אָנרײַסן — to swell
אונטערשלאַק — lining
אין געהאַקטע וואונדן — דער אויסדורק ווערט גענוצט אָנצואווײַזן אויף זייער אַ שלעכטן צושטאַנד, אויף אַ שטאַרקן ווייטאָג.

זיך געזעצט צו דער אַרבעט. זעליג האָט אויף זיי געקוקט מיט קנאה. אָט זײַנען זיי גליקלעכע מענטשן, זיי האָבן געזונטע מיטל־סטע פינגער און וועלן זיך זעצן בּיז אָנבּײַסן נייען, און נאָך דעם וועלן זיי אַרײַנרײַבּן די גוטע קאַרטאָפל מיט די אוגערקעס, פאַר־זופן מיטן טײַערן מילכיקן קרופּניק, און זיך ווײַטער זעצן נייען, בּיז מיטאָג; שיין און פײַן. וואָס וועט זײַן מיט אים?

— „וואו איז דאָס זעליג ערגעץ?" — קײַקלט זיך אַ קול פון לייזערן, וועלכער שטייט בּײַם גרויסן טיש און צייכנט אָן מיט קרײַד אויף אַ סורדוט וואו די קנעפּ אַרײַנצונייען.

— „איך בּין דאָ"... — שטאַמלט זעליג, שטייענדיק אין ווינקל. ער ווייסט ניט וואָס צו ענדיקן און בּלײַבּט אַנטשוויגן.

לייזער ווערט פאַרוואונדערט פון מאָדנעם ענטפער, גיט אַ קוק אין זעליגס ווינקל און וויצלט זיך:

— „בּיסט דאָ? אַ דאַנק דיר. ווילסט זיך דורכגיין אפשר אַ בּיסל שפּאַצירן? אין דער פרי שאַט עס ניט. עס וועט זיך עסן גע־שמאַקער".

— „אַ פינגער רייסט"... — מאַכט זעליג אַ טריט נענטער צום טיש, און שטרעקט אוים דעם קראַנקן פינגער, מיט אַ מינע פון אַ גנב ווען ער איז זיך מודה אַז ער האָט געגנבעט.

— „וואָס?" — דערהערט ניט, אָדער מאַכט זיך לייזער ניט הערנדיק — „וואָסער ציג?"

— „אַ פינגער אָנגעריסן ווי אַ גלאָז!" — ווערט שוין זעליג מוטיקער און האָט העזה אונטערצורוקן דעם גלעזערנעם פינגער גלײַך דעם בּאַלעבּאָס אין די אויגן אַרײַן און שמייכלט, ווי גערעדט: נאָ, האָב פון מיר נחת!...

— „בּיסט אַ חכם!" — שרײַט אוים לייזער קוקנדיק מיט אַ

קנאה (קינע) — envy
אָנבּײַסן — דער ערשטער מאָלצײַט פון טאָג.
אַרײַנרײַבּן — מיט אַפּעטיט און גיך אויפעסן.
קרופּניק — dish of groats
סורדוט — לענגלעכער ראָק, frock-coat
זיך מודה זײַן (מוידע) — to confess
העזה (האָזע) — מוט, דרײַסטקייט, חוצפּה.
נחת (נאַכעס) — פרייד, גײַסטיקער פאַרגעניגן.

דאָקטערישן בליק אויפֿן פֿינגער — „האָסט געפֿונען אַ צײַט ווען אַ יום־טוב צו מאַכן.״

— וואָס קען איך טאָן?״ — פֿאַרענטפֿערט זיך זעליג און שמייכלט דאַכט זיך מיט אַ טרער — „דאָס איז דאָך ניט מיט אַ כּיוון...״

— „ניט מיט אַ כּיוון, יאָ מיט אַ כּיוון״, — ווערטלט זיך לייזער בייזלעך — „די אַרבל וואָס דו האָסט צו מאַכן וועלן אָבער דערפֿון ניט ווערן פֿאַרטיק״.

גוט אָפּגעשפּילט, — דאַנקען גאָט! — טראַכט זעליג נאָך דעם בּאַלעבּאָס׳ ווערטער און וואָלט שוין זײַן גאַר צופֿרידן, ווען ער וואָלט געהאַט אַזאַ ווינקל וואו צו בּאַהאַלטן זיך, אַז קיינער זאָל אים ניט זען, ער זאָל זיך קענען זיצן שטילערהייט און צוהערן זיך צום ווייטיק און פּאַמעלעך קרעכצן: איַי־אײַ!

אַזאַ אָרט איז אָבער ניטאָ, סײַדן אין קיך. אין קיך קאָכט אָבער ציפּע אָנבּײַסן און זי איז בּײַם קאָכן זייער בייז און וועט אים געוויס ניט לאָזן זיצן רואיק...

ער שטייט אין מיטן שטוב און ווייס ניט צו וואָס זיך צו כאַפּן.

— „אוי, עס נעמט! עס נעמט!״ — פּרוּווט ער אַרויסרופֿן בײַ לייזערן מיטלייד צו זיך, אויסשטרעקנדיק אין דער הייך דעם פֿינגער.

די צוויי פּועלים גיבּן אויף אים אַ קוק, ווי געררעדט: בּרודער, וואָס קענען מיר דיר העלפֿן?... ווייסט דאָך...

נאָר זעליגן איז זייער בּליק ניט וויכטיק; אים איז נייטיק פֿון דעם בּאַלעבּאָס אַ וואָרט. לייזער אָבער שווײַגט.

ער מוז זײַן אין כּעס! — שרעקט זיך זעליג און פּרוּווט פֿאַרגרינגערן לייזערס כּעס מיט אַ קרעכץ. עס טוט טאַקע ווי, עס שנײַדט ווי מיט אַ מעסער.

— „אוי, ווי עס רײַסט!״

— „נו, בּרודער!״ — ווענדט זיך לייזער צו אים. — „קיין קימפּעטאָרין בּיסטו נאָך ניט, קיין סכּנות שטעקט ניט, סײַדן פֿאַר

מיט אַ כּיוון (קיוון) — purposely

קימפּעטאָרין — אַ פֿרוי וואָס ליגט אין בעט, וואָס איז נאָך ניט געזונט נאָכן האָבּן אַ קינד.

סכּנות (סאַקאָנעס) — געפֿאַרן.

מײַן קעשענע. קרעכצן גײ אין בעט".

זײער ניט גוט, דער באַלעבאָס איז טאַקע אין כּעס... קרעכצן דאַרף מען ניט. װאָו דען טוט מען זיך אַהין?

זעליגן פאַלט גאָר אײַן צו זאָגן דעם באַלעבאָס, אַז מאָרגן װעט דער פינגער זיכער בעסער װערן.

— „מאָרגן װעל איך מסתּמא קענען נײען"... — שטאַמלט ער אַרױס.

— איך בין גליקלעך!" — ענטפערט לײזער איראָניש.

— ע, דאָס איז שױן אַן עוולה — טראַכט זעליג — איך קוק ניט װאָס דער פינגער שטעכט מיר װי מיט נאָדלען און װיל זיך מיִען מאָרגן נײען און דו — גאָרנישט. ביסט אַ שלעכטער...

און זעליג נעמט טראַכטן: װאָס שרעקט ער זיך אַזױ? אַ נײַעס אַז עס רײַסט אָן בײַ אַ שנײַדער־יונג אַ פינגער, מען נײט אַזױ פיל! אַ קלײניקײט! אַ פינגער איז דאָך ניט פון אײַזן — רײַסט ער אָן אַ מאָל. און װאָס איז דאָס פאַר אַן אומגליק? עס איז אַ העזה צו זײַן אין כּעס! זעליג װערט שטאַרק ברוגז: נאָך װײניק װאָס דער באַלעבאָס טרײסט אים ניט, קרימט ער זיך נאָך. װאָס קרימ־סטו זיך?

און זעליג פּראָטעסטירט שטאַרק אין האַרצן קעגן באַלעבאָס און רוקט זיך אָפּ מיט האַלב־זיכערע טריט צום בעט, װאו ער זעצט זיך אַװעק, קוקט אױפן פינגער, בלאָזט אױף אים און פאַרגינט זיך אַרױסצולאָזן אַ קרעכצעלע און איז זיך גאָר מחיה... מורא האָבן װעל איך, װאָס? — טראַכט ער בײַ זיך און נעמט זיך קרעכצן אָפּטער און העכער, און ער פילט אַז ער איז גאָרניט אַזאַ ציטערי־קער װי מען מײנט.

נישקשה, אַז ער דאַרף און ער װיל קאָן ער קרעכצן... ער לאַכט זיך פון אים אױס!...

ב.

אין אַ פּאָר שעה אַרום איז ציפּע אַרײַן פון קיך אין שטוב און אַ פאַרשװיצטע מיט אַראָפּגעלאָזענע הענט און מיט אַ שטרענגן פּנים, האָט זי אָפּגעגעבן אַ ראַפּאָרט:

עוולה (אַװלע) — injustice, wrong

שנײַדער־יונג — אַן אַרבעטער בײַ אַ שנײַדער.

זיך מחיה זײַן (מעכאַיע) — האָבן שטאַרק פאַרגעניגן.

— „דער אָנבײַסן איז שוין פֿאַרטיק! מען דאַרף גרייטן צום טיש".

זעליג, װעלכער פֿלעגט אַלע טאָג דעם ראַפּאָרט אָפּװאַרטן מיט גרױס אומגעדולד און אױסהערן ניט אָן פֿרײד, האָט איצט זיך דערפֿילט װי פֿאַרלאָרן, ער האָט אַראָפּגעלאָזט די בליקן צום פֿינגער, װי ער װאָלט אים אָן עצה געפֿרעגט:

קען איך גײן צום טיש עסן? געניײט האָב איך הײנט ניט... װי זאָגסטו — עס פּאַסט?

דער פֿינגער האָט אָבער נאָך שטרענגער געקוקט, גלײַך אַ שטאַרקן שטאָך געטאָן און גאָרנישט געענטפֿערט.

זעליג האָט געזען װי ציפּע שפּרײט אױס איבערן האַלבן טיש אַ טישטעך, לײגט אַװעק אַ לאַבן ברױט מיט אַ מעסער און זי לאָזט זיך גײן צוריק אין קיך. װידער זעט ער װי די צװײ פּועלים אײדער זײ גײען זיך װאַשן, ברעכן דערװײַל אָפּ צו ביסן ברױט און קײַען מיט אַפּעטיט. דער פֿינגער שטעכט אים װאָס אַ רגע מער, דער קאָפּ אַפֿילו טוט אים אױך װײ, און דאָך, װי צו להכעיס, װילט זיך הײַנט מער עסן װי אַלע טאָג, און גאָט װײסט צי װעט ער האָבן כּוח אײַנזיצן אַזױ אױפֿן בעט און ניט גײן עסן...

צוצוגײן אָבער צום טיש דאַרף מען האָבן אױך אַ כּוח. װאָס זשע נעמט מען אים? אַפֿילו אַז ער נײט אױף אין דער פֿרי אַ פּאָר הױזן און פֿאַרדינט זיבערע צװײ־דרײַ גילדן, זעצט ער זיך עסן װי אָן אָרעם־בחור און עסט אַלע מאָל װײניקער װיפֿל ער װיל, װײַל אים דאַכט זיך אַלץ, אַז לײזער קוקט אים אין מויל אַרײַן און רעכנט זיך, לױנט אים צו האַלטן אַזאַ עסער, איז שױן הײַנט װאָס ער האָט גאָרנישט פֿאַרדינט...

און די פֿראַגע: עסן צי ניט? — פֿילט אָן זעליגס מוח און ער פֿאַרגעסט אױף אַ װײַלע דעם װײטיק.

אָט זיצט שױן לײזער בײַם טיש, בײַ די זײַטן — די צװײ פּועלים. זײ קוקן צו דער קיכטיר. פֿון װאַנען ציפּע דאַרף עפּעס אַרײַנטראָגן. עס געדױערט עפּעס צו פֿיל. לײזער װערט בײז און גיט אַ ברום:

לאַבן — loaf

צו להכעיס (צו לעהאַכעס, אױך: צעלאָכעס) — just for spite

גילדן — 15 קאָפּיקעס.

אָרעם־בחור — אַ בחור װאָס מען גיט אים עסן פֿאַר רחמנות װעגן.

— וואָס פאַרקעסטו זיך דאָרטן? דײַנע שיינע מאכלים!"
זעליג דערשרעקט זיך פאַרן באַלעבאָס׳ כעס. צוגיין צום טיש איז איצטער אַ סכּנה. ער זעט ווי די פּועלים, וואָס האָבן געזונטע פינגער און האָבן ערלעך דעם גאַנצן פרימאָרגן געאַרבעט, ציטערן אויך ווי אַ פיש אין וואַסער, קוויען די שטיקלעך ברויט און קענען דוכט זיך ניט אַראָפּשלינגען. און זעליג בעט גאָט, אַז מען זאָל גאָר בײַם טיש פאַרגעסן, אַז עס עקסיסטירט דאָ ערגעץ אין שטוב, אויפן בעט ערגעץ, נאָך אַ פּועל וואָס מען רופט אים זעליג... זאָל מען אים לאָזן זיצן רואיק, זאָל ער ניט דאַרפן באַגעגענען זיך מיט לייזערס בליקן.

נאָר עס געראָט ניט. אַז ציפּע טראָגט אַרײַן די גרויסע שיסל מיט קאַרטאָפל און די טעלער מיט די זויערע אוגערקעס, ווערט לייזער ווי ווייכער, ער זאָגט מבֿינות אויף די קאַרטאָפל און עסט מיט גרויס אַפּעטיט. זעליג וואַרט אויף עפּעס און דאָס האַרץ וואַרפט זיך ווי ער וואָלט זיך געריכט צו הערן דעם באַשלוס וועגן זײַן ווײַטערדיק לעבן.

ג.

— „וואו איז דאָס ערגעץ זעליג?" — פרעגט פּלוצעם ציפּע וואָס זיצט שוין אויך בײַם טיש.

זעליג רעכנט ניט פאַר איבעריק צו געבן אַן ענטפער דורך אַ קרעכץ, און זאָל מען שוין דאָרט בײַם טיש דערקלערן וואָס מיט אים איז... ער שטרענגט אָן די אויערן.

— „זעליג איז אַ חולה!" — הערט ער לייזערס איראָנישן טאָן.

— „זעליג!" — רופט ווידער לייזער.

— „האַ?" — רעדט זעליג שוואַך אַרויס, און וואַרט אויף אַן אײַנלאַדונג צום טיש.

— „פונדעסטוועגן גיי צום טיש!" — רופט לייזער פון יוצא וועגן.

פאַרקען זיך — to fumble around

מאכלים (מערצאָל פון מאכל, לייען: מײַכל, מײַכאָלים) — שפּײַזן, געשמאַקע שפּײַזן.

זאָגן מבֿינות (מעווינעס) — אַרויסזאָגן אַ מיינונג ווי אַן עקספּערט.

חולה (כוילע) — קראַנקער.

פון יוצא וועגן (יויצע) — ווײַל אַנדערש פּאַסט ניט; כּדי צו טאָן דאָס וואָס עס פּאַסט ניט אויסצומײַדן.

— „וואָס? אַ פֿינגער רײַסט אים מסתמא?״ — פֿרעגט ציפּע קאַלט, ווי איר גייט די גאַנצע מעשׂה ניט אָן.

— „וואָס דען?״ — ענטפֿערט נאָך קעלטער לייזער — „וועמען זאָל רײַסן אַ פֿינגער אַז ניט אים? — זעליק, גיי צום טיש...״ זעליק גיט אַ קלער אַהין און אַהער, אַהער און אַהין, און ווי ער וואָלט אויף זיך אַליין קיין דעה ניט האָבן, גייט ער צו צום טיש, זעצט זיך אויף דעם שפּיץ בענקל און ער הייבט ניט אויף די אויגן.

— „לייג אים אַרײַן אין טעלערל אַ פּאָר קאַרטאָפֿל,״ — ווענדט זיך לייזער צו ציפּען. ציפּע רוקט אים אונטער אַ טעלערל מיט עטלעכע קאַרטאָפֿליעס און זעליג מאַכט זיך הארץ און עסט אויף איינע. ער וויל נעמען אַ שטיקל ברויט, נאָר קיין אַנגעשניטענע אויפֿן טיש איז ניטאָ. יעדערער האַלט לעבן זיך אַ שטיקל, און ער אַליין זאָל נעמען צו זיך דעם לאַבן און אָפּשנײַדן האָט ער הײַנט ניט קיין העזה, און ער עסט אָן ברויט.

— „וויִיז, וויִיז דעם פֿינגער!״ — רײַסט איבער אין מיטן ציפּע. זעליג לאָזט דאָס עסן, און כאַפּט זיך מיט אימפּעט ווײַזן דעם קראַנקן פֿינגער, זאָל זי ניט מיינען.

— „אַ פֿינגער ווי אַ באַרג!״ — זאָגט ציפּע און קערט גלײַך אָפּ דעם קאָפּ, — „ער וועט צערײַבן אַ וואָך, אויב ניט מער״.

לייזער גיט אַ קרומען בליק אין זעליגס ווינקל. זעליג ווערט צעטומלט, און פֿאַר צעטומלונג נעמט ער נאָך אַ קאַרטאָפֿל, נאָר אַראָפּשלינגען קען ער בשום אופֿן ניט, ער וואָרגט זיך מיט איר. די אויגן ווערן אָנגעלאָפֿן מיט בלוט, אין די שלייפֿן האַקט און דער פֿינגער קערט ממש וועלטן, ער שטעכט און רײַסט און בריט...

זעליג שלינגט אַראָפּ ווי עס איז די קאַרטאָפֿל און אַ קרעכץ געבנדיק הייבט ער זיך אויף און גייט אַוועק צום בעט און באַשליסט, אַז ביז וואַנען דער פֿינגער וועט זיך ניט אויסהיילן וועט ער צום טיש עסן אפֿילו ניט צוגיין.

צוקומענדיק צום בעט, וואָרט ער דאָך, אַז מען וועט אים אײַנלאַדן צום קרופּניק און עס קען זײַן, אַז ער וואָלט אפֿשר געבראָכן

האָבן אַ דעה (דייע) — האָבן מאַכט, זײַן דער באַלעבאָס איבער עפּעס.
מיט אימפּעט — מיט אײַלעניש, מיט ברען.
שלייפֿן — temples
ממש — exactly

דאָס וואָרט און געגאַנגען... ציפּע איז זייער אַ שלעכטע באַלעבאָס־טע, קרופּניקעס אָבער קאָכט זי זייער גוטע. צום קרופּניק אָבער לאַדט מען שוין אים ניט און זעליג האָט חרטה, וואָס מיט אַ פּאָר קאַרטאָפל האָט ער זיך נאָר מיאוס געמאַכט. און ער זאָגט זיך אַליין מוסר:

פּרעסער! אַז מען נייט ניט — ליגט מען אין געהאַקטע וואונדן.

און דער פינגער שווייַגט אויך ניט. ער הייבט אָן וואָס אַ מי־נוט שאַרפער און שאַרפער צו שנייַדן. אָבער זעליג שטאַרקט זיך: ער קרעכצט ניט. ער באַשליסט אפילו זיך זעצן צו דער אַרבעט און זאָל געשען מיטן פינגער וואָס עס זאָל געשען: ער מעג אים אפילו פאַרלירן! צו אַל די שוואַרץ־יאָר מיטן פינגער, מיט דער גאַנצער האַנט!...

חרטה האָבן (כאַראַטע) — to regret

די פאַבריק

א.

ס'איז ווינטער. מיר יינגלעך זיצן אין חדר און לערנען גמרא. דער פרק איז אַ שווערער, צו שווער פאַר אונדזערע קעפּלעך. דער רבי איז אין כּעס, און ער שרײַט און שילט.

נאָר אָט עפנט זיך אויף די טיר און עס לויפט פריִער אַרײַן אַ ווײַסע פאַרע אין חדר און נאָך דעם פאַלט אַרײַן בערל דער שמיד, אַ חדר־ייִנגלס אַ טאַטע. ער קומט געוואָר ווערן וואָס מאַכט זײַן יאָסקע און גלאַט אַ ביסל שמועסן מיט אַ ייִדן אַ תּלמיד־חכם, מיטן רבין.

— „שלום־עליכם, רבי!" — ציט דער שמיד אוים דעם רבין זײַן גראָבע, פאַרהאָרעוועטע האַנט.

— „עליכם־שלום", — ענטפערט דער בייזער רבי און באַמיט זיך צו שמייכלען, נאָר דאָס קומט אים שווער אָן.

— „זיצט, ר' בער! נו, שקצים", — ווענדט זיך דער רבי צו אונדז — „זיצט רואיק אַ ווײַלע, קוקט איבער דעם תּוספות דער־

גמרא (געמאָרע) — תּלמוד, גענויער: דער לענגערער און שפּעטערער טייל פון תּלמוד, געשאַפן אין 3טן, 4טן און 5טן יאָרהונדערט פון דער אָנגענומענער צײַטרעכענונג. די גמרא פאַרנעמט זיך דערהויפּט מיט דערקלערן און פאַרטיפן זיך אין משנה, דעם קירצערן און עלטערן טייל פון תּלמוד.

פּרק (פּיירעק) — קאַפּיטל.

פאַרע — steam

תּלמיד־חכם (טאַלמיד כאָכעם) — אַ געלערנטער ייִדישער מענטש, אַ קענער אויפן פעלד פון ייִדיש וויסן.

שקצים (שקאָצים, אײנצאָל: שייגעץ) — א) גויאישע יונגען צי ייִנגלעך, ב) גראָבע יונגען, ווילדע חברה.

תּוספות (טויספעס) — די צוגאָבן און טיפע קאָמפּליצירטע דערקלערונגען צו דער גמרא וואָס מען האָט געשאַפן נאָך רשים צײַטן. אויף יעדער זײַט גמרא איז אין מיטן פאַראַן דער טעקסט, פון איין זײַט — רשי (רשים דערקלערונגען) און פון דער צווייטער — תּוספות.

ווײַל, און איך וועל אַ ביסל שמועסן מיט ר׳ בערן״.

מיר קוקן זיך אַלע אײַן אין תוספות. נאָר אונדזערע אויערן זײַנען אָנגעשטרענגט צו הערן עפּעס נײַס וואָס בער דער שמיד האָט געבראַכט, ווײַל בער דער שמיד ברענגט שטענדיק אַ סך נײַס, ווען ער קומט.

— „אַ וועלטעלע געוואָרן, אַ גרויל, אַ גרויל!״ — הייבט אָן דער שמיד.

— „דהיינו, ר׳ בער?״ — ווערט נייגעריק דער רבי און שטעלט אָן די אויערן צו הערן עפּעס אינטערעסאַנטס.

— „אַ גרויל, אַ גרויל!״ — האַלט זיך אַלץ דער שמיד בײַם וואונדערן, — „נו, אַ וועלטעלע!״

— „אדרבא, דערציילט״, — איז דער רבי טשיקאַווע צו הערן.

אָבער דער שמיד אײַלט זיך ניט. „אַ גרויל, אַ גרויל״ מורמלט ער ווי אַ תפילה. מיר קוקן אין תוספות און וואַרטן מיטן גרעסטן אומגעדולד אויפן „גרויל״... — „אַ קליין שטעטעלע״, — הייבט אָן דער שמיד, — „זעקס געסלעך מיט אַ מאַרק, די גויאישע געסלעך איז דאָך ניטאָ וואָס צו רעכענען. איר פאַרשטייט? און אין אַזאַ שטעטעלע מאַכט מען גאָר אַ פאַבריק... אַ פאַבריק! אַ גרויל!״

— „אַ פאַבריק!״ — גיב איך אַ קלאַפּ אַ חבר מיטן פוס...

— „אין תוספות קוק!״ — גיט אַ געשריי דער רבי.

— „אַזוי גאָר?״ — ווענדט זיך דער רבי צום שמיד, — „אַ פאַבריק דאָ אין שטעטל? צי משוגע?

— „אַ פאַבריק פון שוועבעלעך!״ — רעדט ווײַטער דער שמיד.

— „פון שוועבעלעך!״ — גיב איך ווידער אַ קלאַפּ אַ חבר מיטן פוס.

— „דו קוקסט אין תוספות צי ניט? גראָבער יונג דו!״ — שרײַט אויס דער רבי נאָך העכער און נעמט מיך אָן פאַרן אויער.

— „אַזוי גאָר? פון שוועבעלעך! וואָס איך הער!״ — וואונ־

גרויל — אַ גרויסער שרעק.

אַדרבא (אַדעראַבע) געוויינטלעך: פאַרקערט, פאַרוואָס טאָקע ניט; אויך: נו, נו, ווי אַן אויסדרוק בײַם צוגעבן מוט.

טשיקאַווע — אינטערעסאַנט, נײַגעריק.

שוועבעלעך — matches

דערט זיך דער רבי און גלאָצט אויס די אויגן.

— „יאָ, יאָ, בײַ אונדז אין שטעטעלע שטעלט מען אַ פֿאַבריק פֿון שוועבעלעך.״

— „משוגע, פּשוט משוגע,״ — לאַכט דער רבי — „וויפֿל שוועבעלעך דאַרף האָבן אונדזער שטעטל? לאָמיר אפֿילו רעכענען אַ הונדערט פּעקלעך אַ וואָך — לוינט דאָס דען? פּשוט משוגע...״

„רעכנט אײַך״, — גיט דער שמיד קאַלטבלוטיק צו פֿאַרשטיין — „אַז אַ פֿאַבריק מאַכט מען ניט נאָר פֿאַר איין שטעטל אַליין. די שוועבעלעך קענען אַנגיין אומעטום אין דער גאַנצער וועלט. איר פֿאַרשטייט? למשל, באָריסאָווער שוועבעלעך. באָריסאָווער שוועבעלעך זײַנען אַ שם־דבר. מען מאַכט דאָרט גאָלדענע געשעפֿטן.״

— „ווער מאַכט די פֿאַבריק?״ — פֿרעגט דער רבי.

— „עפּעס אַ גרויסער גביר פֿון מינסק, האָט אַ מטמון גאָלד און זוכט געשעפֿטן.״

— „און וואו שטעלט ער די פֿאַבריק?״ — פֿרעגט דער רבי ווײַטער.

— „אָן אָרט האָט ער אַ גאָלדענעם, בײַם טײַכל, אַ זעלטענער פּלאַץ.״

— „בײַם טײַכל!״ — קלאַפּ איך מײַן חבר אונטערן טיש מיטן פֿוס, און מײַן האַרץ ווערט פֿול מיט עפּעס מאָדנע געפֿילן, און פֿאַר מײַנע אויגן מאָלן זיך פֿאַנטאַסטישע בילדער, און איך וויל פֿאַלן צו די פֿיס בער דעם שמיד: ר׳ בער, טאָקע בײַם טײַכל?!״ — און מיר גלייבט זיך ניט דאָס גליק.

ב.

נאָך פּסח איז די פֿאַבריק פֿאַרטיק געוואָרן. מיר הדר־ייִנגלעך זײַנען געקומען צו לויפֿן אָנקוקן זי. איר אויסזען האָט אונדז געשראָקן. די הויכע קוימענס האָבן פֿון דער ווײַטנס אַזוי בייז געקוקט און האָבן אויסגעזען ווי זיי וואָלטן וועלן חרוב מאַכן דאָס גאַנצע שטיק פֿעלד וואָס געפֿינט זיך אַרום.

— „סאַראַ הויכע קוימענס״, — האָט יאָסקע, דעם שמידס ייִנגל, פֿון ווײַטן אָנגעוויזן.

באָריסאָווער — פֿון דער שטאָט באָריסאָוו, אין ווײַסרוסלאַנד.
שם־דבר (שעמדאָווער) — אַ באַוואוסטע זאַך, אַ זאַך וואָס איז געוואָרן זייער פּאָפּולער.
מטמון (מאַטמען) — אַ גרויסער פֿאַרמעגן, אַן אוצר.

— „ווי עס הודזשעט!“ -- האָט אַ צווייטער יִינגל ווי מיט שרעק אַרויסגעזאָגט.

— „קומט נענטער, וואָס האָבן מיר מורא?“ — האָט איינער געוואָלט צוגעבן זיך מוט.

— „טאַקע, וואָס האָבן מיר מורא?“ — האָבן די אַנדערע אונטערגעהאַלטן, — „קומט זען.“ מיר זיַינען צוגעגאַנגען נענטער און זיך אַוועקגעשטעלט לעבן טיַיכל. דאָס וואַסער האָט שטיל און טרויעריק געררוישט. מיר האָט זיך געדאַכט אַז עס וויינט. עס האָט מיר אויסגעוויזן אַז דאָס טיַיכל האָט מורא פאַר דער פאַבריק.

און ניט נאָר אויף מיר אַליין האָט דאָס טיַיכעלע אַזאַ איַינ־דרוק געמאַכט. אַלע חדר־יִינגלעך האָבן, אַנשטאָט צו קוקן אויף דער פאַבריק, זיך אין וואַסער איַינגעקוקט און האָבן עפּעס ווי געזיפצט.

— „מוטנע וואַסער געוואָרן!“

— „טאַקע!“ — האָט אַ צווייטער טרויעריק מודה געווען.

— „דאָס איז פון רויך פון די קוימענס!...“

— „אַ רחמנות אויפן טיַיכעלע“ — האָט אַ יִינגל כּלומרשט לאַכנדיק געזאָגט.

— „משוגענער!“ — האָבן מיר פון אים אָנגעהויבן צו לאַכן, אָבער אינעווייניק האָט דאָס האַרץ געקלעמט און עס האָט זיך וויי־נען געוואָלט...

ג.

עס איז געווען אַ הייסער טאָג. ביַים לערנען האָבן מיר אַ גאַנצן טאָג אין זינען געהאַט — גיין פאַרנאַכט אַריַינוואַרפן זיך אין אונדזער ליב טיַיכעלע.

און מיט אומגעדולד האָבן מיר געקוקט אין פענצטער, צו זען וואו האַלט שוין דער שאָטן פון די היַיזער, ווען וועט שוין די זון אויף אונדז רחמנות האָבן און וועט זיך איבערפעקלען ערגעץ וויַיט הינ־טער די היַיזער, כּדי דער רבי זאָל אונדז שוין לאָזן פריַי.

און אָט איז שוין די גאַנצע גאַס שאָטן געוואָרן. דער פאַסטעך

הודזשען — אַרויסגעבן קלאַנגען ווי הו־הו אָדער ענלעכס.
מוטנע — אומריין, אומקלאָר.
זיך מודה (מוידע) **זיַין** — to confess
כּלומרשט (קלוימערשט) — as if
איבערפעקלען זיך — אַריבערקליַיבן זיך, אַוועקגיין.

האָט שוין די טשערעדע געטריבן, און דער רבי האָט אונדז פֿרײַ געלאָזט.

— „באָדן זיך!" — האָבן מיר אין איין קול אויסגעשריִען און זיך געלאָזט אַראָפּ פֿון געסל, צום טײַכל.

— „הערסט ווי עס פּײַפֿט!" — האָט גייענדיק איין חבר ווי באַזאָרגט אויסגערופֿן, צוהערנדיק זיך ווי פֿון ווײַטן פּײַפֿט די פֿאַבריק.

— „זאָל פּײַפֿן, וועט פֿריילעכער זײַן זיך צו באָדן!" — האָט אַ צווייטער געזאָגט.

— „טאַקע", — האָבן מיר צוגעשטימט ווי מיר וואָלטן וועלן זיך אַליין אָפּנאַרן.

נאָר וואָס נענטער מיר זײַנען געקומען צום טײַכל, אַלץ מער האָבן מיר זיך געשראָקן. עפּעס האָט אונדז דאָס האַרץ פֿאָרויסגעזאָגט טרויעריקס...

איך האָב זיך געלאָזן לויפֿן אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער, ווי איך וואָלט וועלן דערמיט צוגעבן מוט מײַנע חברים. נאָר קומענדיק נאָענט צום טײַכל, בין איך געבליבן שטיין ווי פֿאַרגליווערט.

— „ניטאָ, ברידער, קיין טײַכל! צוריק!" — האָב איך ווי מיט אַ געוויין אויסגעשריִען.

— „דזזזזזז" — האָבן די קומענדע געפּיפּט, — „דזזזזזזז..."

די חדר־יינגלעך זײַנען נענטער צוגעקומען, האָבן אײַנגעבויגן די קעפּ אַרײַנצוקוקן אין טײַכעלע, און מיר האָבן אַלע אַרויסגעלאָזן אַ לאַנגן זיפֿץ, ווי נאָך אַ געשטאָרבענעם.

— „אוי!!"

דאָס וואַסער האָט אויסגעזען ווי אַ טעלער פֿאַרבליבן קאַלט געקעכטס, פֿאַרגליווערט. אויף דעם גליווערײַ זײַנען געווען אָנגעוואָרפֿן העלצלעך, צעבראָכענע קעסטלעך און סתּם מיסט. און פֿון אַלץ האָט זיך געטראָגן אַ מאָדנער שטיקנדיקער ריח.

מיר זײַנען אַזוי געשטאַנען ווי פֿאַרשטיינערט אַ פּאָר מינוט, געקוקט מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּ. פּלוצעם האָבן מיר דערהערט עפּעס אַ גראָבן קול וואָס רעדט צו אונדז:

טשערעדע — flock

פֿאַרגליווערט — געוואָרן איין געדיכט שטיק.

— „וואָס טוט איר דאָ, האַ?"

מיר האָבן זיך אומגעקוקט, דערזען אַ הויכן גראָבן, בײַכיקן ייִדן מיט אַ פּליך אויפֿן קאָפּ. ער שטייט און קוקט אויף אונדז און שמייכלט. מיר האָבן ניט געוואוסט וואָס צו ענטפֿערן.

— „וואָס טוט איר דאָ, האַ?" — האָט ער ווײַטער געפֿרעגט.

— „באָדן זיך ווילן מיר!" — האָט זיך בײַ מיר עפּעס ניט ווילנדיק אַרויסגעריסן פֿון מויל.

— „כאַ־כאַ־כאַ, באָדן זיך!" — האָט זיך דער הויכער בײַכיקער ייִד פֿונאַנדערגעלאַכט, — „נו, גיכער, טוט זיך אויס, כאַ־כאַ־כאַ!"

— „אַמאָל פֿלעגן מיר זיך דאָ באָדן", — האָט אַ צווייטער ייִנגל ווי דורך טרערן אַרויסגעזאָגט, — „אַמאָל איז געווען ריין וואַסער".

— „אַמאָל, אַמאָל!" — האָט דער הויכער בײַכיקער ייִד געטריבן שפּאַס, — „אַמאָל איז אויך געווען אַ קונץ צו באָדן זיך. באָדט זיך איצטער! כאַ־כאַ־כאַ! איצטער באָדט זיך! כאַ־כאַ־כאַ!"

זײַן לאַכן האָט אונדז ווילד געגרייצט. און איינער פֿון אונדז, בלאַס ווי דער טויט, האָט אַ געשריי געטאָן:

— „אַ בראַנד אין אײַער פֿאַבריק!" — און האָט זיך פֿונאַנדערגעוויינט.

— „כאַ־כאַ־כאַ!" — האָט דער הויכער בײַכיקער ייִד געלאַכט — „אַהיים, שקצים!"

ווען מיר זײַנען געגאַנגען צוריק אַהיים, האָט אין די אויערן געקלונגען דעם ייִדנס געלעכטער, דער דזוז פֿון די קוימענס. דאָס אַלץ האָט זיך מיר געלייגט ווי שוועבל אויפֿן האַרץ.

— „אַ בראַנד אין דער פֿאַבריק!" — האָט דער ייִנגל דעם גאַנצן וועג געשאָלטן. — „דערשטיקט האָט זי דאָס טײַכעלע!" — האָט אַ צווייטער געזיפֿצט.

און לאַנג האָבן מיר דאָס טײַכעלע באַוויינט און נאָך לענגער די פֿאַבריק געשאָלטן.

פּליך — bald place

בראַנד — פֿון ברענען; אַ שׂרפֿה (סרייפֿע).

„אַ בראַנד אין אײַער פֿאַבריק": ברענען זאָל אײַער פֿאַבריק.

שוועבל — sulphur

דער בוים

עס איז געווען אַ לאַנגע גאַס, אין דעם ייִדישן קליינשטעטל האָט זי זיך גערעכנט פאַר דער לענגסטער. זי האָט פאַרמאָגט פערציק הײַזלעך, אויסער דער חורבה, אין וועלכער קיינער האָט שוין אַ יאָר צען ניט געוואוינט. די אײַנוואוינערס פון דער גאַס זײַנען געווען דורכויס ייִדן. דער איינציקער גוי וואָס איז געווען אין גאַס איז אויך געווען אַ האַלבער ייִד: גערעדט ייִדיש, געהאַלטן פון אַ סך ייִדישע מנהגים און האָט געוואוינט אין אַ ייִדיש שטיבל, וואו בײַ דער טיר איז געווען צוגעשלאָגן אַ מזוזה — אַזוי אַז די ייִדישע אָרעמעלײַט, גייענדיק איבער די הײַזער, פלעגן זײַן שטיבל אויך ניט דורכלאָזן און פלעגן אַ מאָל כאַפּן בײַ אים — ניט אין אַ יקרות-יאָר — אַ צוויי-דרײַ קאַרטאָפל.

די ייִדן פון דער גאַס האָבן אַלע גוט געקענט לערנען. האָבן זיי געוואוסט אַז אַ מאָל, אין ארץ-ישׂראל, איז יעדער ייִד געזעסן „אונטער זײַן ווײַנשטאָק און אונטער זײַן פײַגנבוים". אויך האָבן זיי געוואוסט פון די צעדערביימער פון לבנון און פון נאָך אַנדערע ביימער וואָס ווערן אויסגערעכנט אין תּנך. דאָ אָבער, אין חוץ-לאָרץ, האָבן זיי פון ביימער ווייניק געוואוסט.

צווישן די חדר-ייִנגלעך איז אומגעגאַנגען אַ „סוד" אַז אויב מען זאָל פאַרזייען די קערנדלעך פון אַן עפּל אין דער ערד, קאָן אין אַ צייט אַרום אויסוואַקסן אַ בוים. נאָר עס איז ניט מער געווען ווי אַ קלער, קײַן אמתע אמונה האָבן די חדר-ייִנגלעך דערין ניט געהאַט און האָבן זיך אפילו געפוילט צו מאַכן אַ פּרוּוו אײַנצוזעצן אַזעלכע קערנדלעך.

חורבה (כורווע) — אַן אײַנגעפאַלן הויז.

יקרות-יאָר (יאַקרעס) — אַ יאָר ווען אַלץ איז זייער טײַער.

„אונטער זײַן ווײַנשטאָק און אונטער זײַן פײַגנבוים" — אַ פּאָפּולערער אויסדרוק פון תּנך — under his vine and under his fig tree

חוץ לאָרץ (כוץ לאָאַרעץ) — אַלע לענדער חוץ ארץ-ישׂראל.

און די לאַנגע גאַס האָט טאַקע אַן איינציקן בוים געהאַט. און יעדערן איז געווען אַ וואונדער: ווי אַזוי קומט דער בוים אַהער?

דער באַלעבאַס פון דעם בוים, חיים־יאַנקל דער שנײַדער, האָט אויך ניט קלאָר געוואוסט, ווער האָט דעם בוים פאַרפלאַנצט און ווי אַזוי ער איז אויסגעוואַקסן. זײַן טאַטע האָט עס געווים ניט געטאָן, ווײַל אַז חיים־יאַנקל איז נאָך געווען אַ ייִנגל — איז שוין דער בוים געווען אַזוי גרויס און דיק ווי איצטער. חיים־יאַנקלס נחלה איז אים איבערגעגאַנגען בירושה אַוודאי פון זעקסטן דור. אפשר האָט די נחלה אַמאָל געהערט צו אַ גוי און ער האָט דעם בוים פאַרפלאַנצט?

נאָר ווי די מעשה זאָל ניט זײַן, אַזוי צי אַנדערש — די לאַנגע גאַס האָט געהאַט אַ בוים, און דער בוים איז געווען חיים־יאַנקל דעם שנײַדערס. געוואַקסן האָט דער בוים לעבן שטיבל, האַרט בײַם פענצטער וואָס האָט צו דער גאַס אַרויסגעקוקט, און חיים־יאַנקל האָט בשעת דער אַרבעט געקענט קוקן אויף זײַן בוים, וואָס ער האָט אים ליבער געהאַט ווי אַלץ אין דער וועלט.

ב.

אין האַרבסט, ווען דער ווינט האָט געבלאָזן, האָבן די צווײַגן זיך געשאָקלט און געקרישט טרויעריק אין פענצטער אַרײַן, ווי זיי וואָלטן עפּעס אַן אומעטיקע לאַנגאָנענדיקע מעשה וועלן חיים־יאַנקלען פאַרציילן. און דעמאָלט ווערט חיים־יאַנקל אומעטיק, די נאָדל וויל אַרויסשפּרינגען פון די פינגער, ביז ער לאָזט זי אין גאַנצן אַרויס פון דער האַנט. ער לענט זיך אָן צום פענצטער און פאַרטראַכטערהייט ברומט ער אונטער מיט אַ האַלב צעבראָכענעם קול:

אָז בהלוך ירמיהו
על קברי אָבות...

נחלה (נאַכלע) — אייגנטום (אַ הויז, אַ שטיק לאַנד).
בירושה (בײַ־יערושע) — אין ירושה, — as an inheritance
לאַנגאָנענדיק — פון לאַנג־אָן, פון אַמאָל.
אָז בהלך... (לייען עס: אָז בעהאַליך יִרמיאָהו אַל קיווריי אָוועס) „יעמאָלט ווען ירמיהו איז געגאַנגען אויף די קברים פון די אָבות", פון די קינות, די קלאָגלידער אויפן חורבן.

— און אין שטיבל הערן זיך דעמאָלט ווי שטילע טריט פון מתים.

זומער אָבער האָט דער בוים מער רושם געמאַכט אויף חיים־יאַנקלען. מלאכה איז געווען ווייניק, צייט צו פאַנטאַזירן מער — און די ליידיקע צײַט ליגט חיים־יאַנקל אונטערן בוים. די צווײַגן רוישן שטיל, פאַרזיכטיק. אַ פויגל פאַרגנבעט זיך אַ מאָל אויף זיי און טשיריקעט. און חיים־יאַנקל מאַכט צו די אויגן, און קלערט, און טראַכט פון עפּעס העכערס ווי שער און אײַזן...

אין זומערדיקע שבתים, אַז עס איז געווען היים, פלעגן אַ מאָל קומען נאָענטע שכנים אויסרוען זיך אונטערן בוים נאָכן טשאָלנט.

דעמאָלט פלעגט חיים־יאַנקל האָבן גרויס כּבֿוד. עס פלעגט אויך קומען טבֿיה דער גמרא־מלמד, אַ הויכער דאַרער ייִד מיט אײַנגעפאַלענע באַקן. טבֿיה האָט גערעדט זייער שטיל, בנעימותדיק, און חיים־יאַנקל האָט זייער שטאַרק געהאַלטן פון אים.

— „ווען מיר אַ בּיסעלע אָפּרוען אונטער אײַער בוים, ר׳ חיים־יעקבֿ!״ — פלעגט טבֿיה שטיל אַרויסרעדן, אויסציִענדיק זיך מיט אַ מידן שמייכל אונטערן בוים, און האָט דערבײַ ניט געקוקט חיים־יאַנקלען אין פּנים בשעתן רעדן.

— „אַך, מיטן גרעסטן כּבֿוד, ר׳ טבֿיה״, — פלעגט חיים־יאַנקל כּמעט אויסשרײַען, — „מיטן גרעסטן כּבֿוד! רוט זיך אָפּ, מהיכא־תּיתי״.

מתים (איינצאָל: מת, לייען: מעס, מייסים) — טויטע.

רושם (רוישעם) — אײַנדרוק.

טשיריקעט — (ברענגט אַרויס דעם קלאַנג וואָס איז אַזוי ווי טשיר־טשיר, — chirps

טבֿיה (לייען: טעוויע)

גמרא־מלמד (געמאַרע־מעלאַמעד) — דער רבי וואָס לערנט גמרא, תּלמוד. אַ גמרא־מלמד איז דער העכסטער מין מלמד. נידעריקער זײַנען: דער מלמד וואָס לערנט עבֿרי (איוורע, לייענען) און דער וואָס לערנט חומש.

בנעימותדיק (בעני׳מעסדיק) — געלאַסן, רואיק.

מהיכא תּיתי (מעהייכא־טייסע, אויך: מעכעטייסע, מאַכאַטייסע) אַן אויסדרוק בײַם צושטימען, דער זינען: זייער גוט, עס קען ניט שאַטן, פאַרוואָס ניט, אדרבא.

— „כּי האָדם עץ השׂדה", — פלעגט טביה אַרײַנקומען אין אַ שטימונג, ליגנדיק אונטערן בוים. — „אַ בוים, ר' חיים-יעקב, איז געגליכן צו אַ מענטשן".

און חיים-יאַנקל פלעגט אויפהייבן די אויגן, באַטראַכטן די צווײַגן פון בוים, דעם שטאַם, ווי ער וואָלט געזוכט אַן ענלעכקייט צווישן אַ מענטשן מיט אַ בוים. קיין גרויסע ענלעכקייט האָט ער ניט געפונען. דאָך פלעגט ער ענטפערן:

— „אוודאי, וואָס דען, ר' טביה".

„אַ בוים לעבט אָבער לענגער ווי אַ מענטש", — פלעגט ר' טביה באַלד סותר זײַן זײַנע ווערטער און זיך פונאַנדערהוסטן.

געהוסט האָט ר' טביה לאַנג און שווער, און יעדער הוסט האָט חיים-יאַנקלען אָפּגעקלונגען ווי אַ שטים וואָס רעדט:

ר' טביה וועט באַלד שטאַרבן... ער האָט די שווינדזוכט... און דער בוים וועט אונדז אַלעמען איבערלעבן...

ג.

אָפּרוען אונטערן בוים פלעגט אויך קומען זרח ברײַנעס, דער נגיד פון גאַס. נייען בגדים פלעגט זרח בײַ אַ צווייטן שנײַדער, נאָר חיים-יאַנקל האָט זיך ניט נוקם געווען אין אים און זיך ניט באַנוצט מיט דעם וואָס ער קען אים פון בוים אַוועקטרײַבן. אַדרבא, ער פלעגט אים זייער שיין אויפנעמען, ווי ער וואָלט וועלן דעם נגיד באַווײַזן אַז ער קען אויסקומען אָן זײַן מלאכה.

— „אַ וואוילער בוים", — פלעגט ר' זרח לויבן, באַטראַכטנדיק דעם שטאַם, — „אַזאַ בוים מען זאָל צעהאַקן, קען קלעקן אויף אַ ווינטער הייצן. מיר איז אַ חידוש וואָס דו צעהאַקסט אים ניט, חיים-יאַנקל".

חיים-יאַנקל פלעגט ווערן אַנגעצונדן פון אַזעלכע ווערטער. אַ

כּי האדם עץ השׂדה (קי האָאַדאָם אייץ האַסאָדע) — „ווײַל דער מענטש איז ווי דער בוים פון פעלד", פון חומש.

סותר זײַן (סויסער) — to contradict

שווינדזוכט — tuberculosis

זיך נוקם זײַן (נויקעם) — נעמען נקמה, to take revenge

אַדרבא (אַדעראַבע) — פאַרקערט.

מלאכה (מעלאָכע) — דאָ: די אַרבעט וואָס מען גיט דעם בעל-מלאכה.

חידוש (כידעש) — נײַס, וואונדער.

הזיר וואָלט אַלץ וועלן אויפעסן — האָט ער אין האַרצן געטראַכט, נאָר ר׳ זרחן פּלעגט ער ענטפערן איידעלער:

— „מען טאָר ניט האַקן, ר׳ זרח, מען טאָר ניט! עס איז אפילו אַ זינד צו זאָגן אַזוינס. אַ בוים, זאָגט ר׳ טביה, איז ווי אַ מענטש...״

— „כּי האָדם עץ השדה״, — פּלעגט טביה אונטערזאָגן ווי פון שלאָף.

— „עט, נאַרישקייט, עס איז נאָר אַ משל״, — פּלעגט דער נגיד אַ מאַך טאָן מיט דער האַנט, — „נו, מען דאַרף אַ דרימל טאָן. וועסט מיך אַ וועק טאָן אַ זייגער דרײַ, וועל איך גיין טרינקען אַ גלעזל וואַרעמס״...

ד.

איין חסרון האָט אָבער דער בוים געהאַט: עס האָבן אויף אים פּרות געוואַקסן, און דאָס האָט אים און חיים־יאַנקלען געשאַט.

וואָלטן כאָטש די פּירות געווען געראָטענע, וואָלט דאָס אומ־גליק אפשר ניט אַזוי גרויס געווען. חיים־יאַנקל וואָלט אים אָרומ־געצאַמט צי ער וואָלט אים פאַרדונגען זעליג דעם „סאַדאָווניק״, און יענער וואָלט זיך שוין אַן עצה געגעבן ווי אַזוי צו פאַרהיטן אים פון שלעכטע הענט.

האָבן אָבער אויפן בוים געוואַקסן נאָר ווילדע עפּעלעך. עסן האָט מען זיי געקענט ערשט שפּעט אין ווינטער, ווען זיי ווערן, ליגנדיק אויפן בוידעם, שטאַרק איבערגעפרוירן. דעמאָלט איז אויך אויף שׂונאים געזאָגט זייער טעם וואָס זיי האָבן. די גאַנצע מעלה פון די עפּעלעך וואָס זיי זײַנען אַ רפואה צו טשאַד. און פריידע, חיים־יאַנקלס ווײַב, פּלעגט טאַקע מיט די דאָזיקע עפּעלעך אָפּראַ־

משל (מאָשל) — אַ פאַרגלײַך.
וואַרעמס — דאָ: טיי.
חסרון (כיסאָרן) — אַ שלעכטער שטריך, אַ דעפעקט.
פּרות (איינצאָל: פּרי, לייען: פּייִרע, פּיירעס) — פּרוכט.
סאַדאָווניק — דער וואָס האָט אַ סאַד אָדער דינגט אַ סאַד און פאַר־קויפט די פּרות. סאַד — orchard
אויף שׂונאים געזאָגט (סאָנים) — דאָס וואָס מען ווינטשט פײַנט; דאָס הייסט, דאָס וואָס איז זייער שלעכט.
מעלה (מײַלע) — גוטע אייגנשאַפט.
טשאַד — charcoal fumes

טעווען דאָס גאַנצע געזינד, ווען מען פלעגט ווינטערצײַט פּאַרטשאַ־
דען די קעפּ פון די אָנגעבּרענטע פּרעסלעך.

די ייִנגלעך פון דער גאַס האָבּן אָבּער ניט געקוקט וואָס די
עפּעלעך זײַנען ווילדע. זייער געלט זײַנען זיי ווערט געווען. וואַרטן
בּיז די עפּעלעך וועלן איבּערפּרירן אויפן בּוידעם — דערצו זײַנען
זיי צו היציק געווען. פאַר טשאַד האָבּן זיי קיין מורא ניט געהאַט.
דעריבּער ווי עס פלעגט קומען אָנהייבּ אלול און די עפּעלעך האָבּן
בּאַקומען אַ געהעריקע צורה, פלעגן זיי יעדן נאָכמיטאָג, יעדן בּין־
מנחה־למעריבֿ, בּאַלאַגערן דעם בּוים. זיי האָבּן געוואָרפן אויף די
שפּיצן צווײַגן, וואו די עפּעלעך האָבּן געדיכט געוואַקסן, העלצער,
שטיינער, און מיט געראויש און געפּילדער אָנגעלייגט פולע קעשענעס
מיט „רויבּ".

דערזעענדיק די מחנה קינדער בּײַם בּוים, האָבּן בּײַ חיים־יאַנק־
לען אָנגעהויבּן ציטערן הענט און פיס. ער פלעגט ווי אַן אָפּגעבּרי־
טער אַרויסלויפן פון שטוב, אַראָפּוואַרפנדיק דאָס שטיקל אַרבּעט פון
דער האַנט אויף דער ערד, און פלעגט בּרומען:

— „שקצים, וואָס ווילט איר פון דעם בּוים? איך וועל אײַך
ממיתן!"

די ייִנגלעך פון דער גאַס פלעגן זיך לכתחילה דערשרעקן און
מיט אַ געפּילדערײַ און פײַפערײַ זיך לאָזן אַנטלויפן. אין אַ ווײַלע
אַרום, אַז זיי האָבּן בּאַמערקט אַז חיים־יאַנקל איז צוריק אין שטובּ
אַרײַן, זײַנען זיי זיך ווידער צונויפגעקומען און מיט מער פריש־
קייט זיך גענומען צום בּוים.

און דעמאָלט פלעגט זיך אָנהייבּן אַ מלחמה אויף לעבּן און
טויט. מיט אַ שטעקן לאָזט זיך חיים־יאַנקל לויפן ווי אַ ווילדער טי־

אלול (עלול) — דער לעצטער חודש פון ייִדישן יאָר, אַן ערך — די
צווייטע העלפט אויגוסט און די ערשטע העלפט סעפּטעמבּער.

צורה (צורע) — פּנים, געשטאַלט, אויסזען.

בּין מנחה למעריב (בּיין מינכע לעמײַריוו) — צווישן מנחה און
מעריבֿ, ד"ה צווישן דעם צווייטן און דריטן מאָל דאַווענען פון
טאָג. מנחה דאַוונט מען נאָך מיטאָג, מעריבֿ — אין אָוונט.

שקצים (איינצאָל: שייגעץ; לייען: שקאָצים) — ווילדע יונגען,
גראָבּע יונגען.

ממיתן (מיימעסן) — טייטן, זייער שטאַרק שלאָגן.

לכתחילה (לעכאַטכילע) — אין אָנהייבּ.

גער נאָך דער מחנה יִנגלעך. די יִנגלעך לאָזן זיך אַנטלויפֿן מיט אַ געלעכטער און הורא, און ווידער קומען זיי צו לויפֿן...

ה.

אַ מאָל פֿלעגט בײַ חיים־יאַנקלען פּלאַצן די געדולד און ער האָט זיך געלאָזט לויפֿן ווײַט־ווײַט נאָך די יִנגלעך. דעמאָלט ווערט אין גאַס אַ טומל. ייִדן מיט בערד, ווײַבער און קינדער לויפֿן אַרויס פֿון די הײַזער און דערשראָקענע פֿרעגט מען איינער דעם אַנדערן:

— „וואָס איז דאָס? האַ?"

באַלד אָבער הייבט אָן איינער דעם אַנדערן באַרויִקן:

— „גאָרניט, גאָרניט, חיים־יאַנקל דער שנײַדערוק יאָגט זיך נאָך די יִנגלעך... אַ שנײַדורע אַ ביסל! פֿרעג, וואָס זשאַלעוועט ער די עפּעלעך? מער ווי בױכווייטאָג האָט מען פֿון זיי ניט!"

דערהערנדיק אַזאַ מיאוסע מיינונג וועגן זײַנע עפּעלעך, ווערט חיים־יאַנקל נאָך מער צערייצט, און פֿאַר כּעס כאַפּט ער אַ יִנגל און גיט אים אַ קלאַפּ.

— „אוי! אוי!" — פֿלעגט זיך דאָס יִנגל הויך צעוויינען — „פֿאַר וואָס שלאָגט ער מיך? איך האָב גאָרניט גערירט..."

— „בתיה! מען האָט אײַער יִנגל געהרגעט", — זאָגט אָן אַ שכנה פֿאַר גוטפֿרײַנטשאַפֿט וועגן דעם יִנגלס מוטער.

— „זאָל איַיך אַ דונער אײַנשלאָגן!" — נעמט זיך די מוטער אָן פֿאַר איר קינד, — „וואָס שלאָגט איר עפּעס מײַן קינד? איר גיט אים עסן? העט אַ ביסל? ער האָט אַ שטיקל בוים מיט סם־המוותדיקע עפּעלעך — קאָכט די גאַס!"

און אויף חיים־יאַנקלען פֿאַלט אָן די גאַנצע גאַס, און יעדערער זידלט אים און מאַכט אים מיט דער בלאָטע צו גלייך. געזעצטע באַלעבאַטים פֿלעגן אים נאָר ווייכן מוסר זאָגן:

— „זאָגט אַליין: ווי שעמט זיך דאָס ניט אַ ייִד צו האָבן אין זינען אַזעלכע נאַרישקייטן — בוים־שמוים! דאָס פּאַסט פֿאַר אַ

מחנה (מאַכנע) — זייער אַ סך, אַ גרויסע גרופּע, אַ קאָמאַנדע, אויך — gang

שנײַדערוק, שנײַדורע — אָפּשפּאָטנדיק, אָפּלאַכעריש: שנײַדער.

סם־המוותדיק (סאַם־האַמאָוועסדיק) — טייטנדיק גיפֿטיק. סם — poison סם־המות — deadly poison

געזעצטע — רויִקע, באַטראַכטע

גוי, ניט פֿאַר אַ ייִדן... קינדער, זיי רײַסן — זאָלן זיי רײַסן. עס האָט עפּעס אַ ווערדע די עפּעלעך? פּע, חלשות!"

— „מיך אַרט ניט די עפּעלעך", — פֿלעגט חיים-יאַנקל ענטפֿערן מיט אַ וויינענדיקן קול — „דעם בוים קאַליעטשען זיי מיר, די צווײַגן צעברעכן זיי!"

— „צווײַגן-שמײַגן!" — הייבן ווידער אָן מוסרן די געזעצטע באַלעבאַטים — „נו, זאָגט אַליין: זײַט איר ניט ערגער פֿאַר די קינדער? אַ געשעפֿט האָט איר! אַט גייט אַהיים און נעמט זיך צו דער אַרבעט. פּע, חלשות! אַ ייִד מיט אַ באָרד..."

און חיים-יאַנקל האָט זיך נאָך אַזאַ מוסר געפֿילט ווי אַ קינד נאָך אַן אָפּגעטאָנענער נאַרישקייט. ער פֿלעגט פֿאַרשעמט אַ קוק טאָן אויף דעם מוסר-זאָגער, דערנאָך אויף דער אייגענער באָרד, נאַריש אַ שמייכל טאָן און זיך לאָזן צוריק אַהיים גיין.

צוגעקומען נאָך אַזאַ מעשׂה צום שטיבל, שטעלט זיך חיים-יאַנקל בײַם בוים. אויף דער ערד לעבן בוים וואַלגערן זיך שטיקלעך אָפּגעבראָכענע צווײַגלעך, אין דער הייך אויפֿן שפּיץ בוים הענגען אַ פּאָר צווײַגן איבערגעבראָכענע און זעען אויס ווי הרוגים. חיים-יאַנקל קוקט אויף די צעבראָכענע צווײַגלעך, אויף דער ערד, אויפֿן בוים, קוקט, זיפֿצט — און מיט אַ געקלעמט האַרץ גייט ער אַרײַן אין שטוב...

אַזוי פֿלעגט יעדער אלול ביז אַ שטיק אין האַרבסט רױשן די גאַס.

ו.

עס זײַנען אַזוי איבערגעלאָפֿן אַ צענדליק יאָרן.

און די צען יאָר האָבן אַ פּאָר סימנים געלאָזן אין דער גאַס: די הורבה איז צעלייגט געוואָרן; טביה דער גמרא-מלמד האָט זיך איין מאָל שטאַרק פֿונאַנדערגעהוסט, ניט געקענט כאַפּן דעם אָטעם און איז אַוועקגעשטאָרבן; זרח דער נגיד האָט געוואָלט ווערן אַ גביר, האָט געקויפֿט סחורה אויף ספּעקולאַציע און איז אַן אָרעמאַן געוואָרן.

חלשות (כאַלאָשעס) — זייער ניט שיין, מען קען אַזש חלשן פֿון דעם.
קאַליעטשען — קאַליע מאַכן, to cripple
הרוגים (איינצאָל: הרוג, לייען: האָרוג, האַרוגים) — קערפּערס פֿון דערהרגעטע, דערשלאָגענע.

און דער בוים אין גאַס איז נאָך אַלץ געשטאַנען, און אין האַרבסט, ווען דער ווינט האָט געבלאָזן און די צווייַגן האָבן טרויעריק גערוישט, פֿלעגט חיים־יאַנקל אַלץ אונטערברומען דעם זעלביקן ניגון מיט די זעלביקע ווערטער פֿון קינות:

אָז בהלוך ירמיהו

על קברי אָבות...

זומער, אין אַ ליידיקער צייַט, פֿלעגט ער נאָך אַלץ ליגן אונטערן בוים און טראַכטן וועגן עפּעס העכערס פֿון שער און אייַזן. אלול־צייַט פֿלעגט ער אַלץ האָבן צו טאָן מיט די חדר־ייִנגלעך וואָס זייַנען געקומען באַלאַגערן דעם בוים, און די גאַס פֿלעגט אַלץ רוישן און קאַכן: עפּעלעך, בוים, חיים־יאַנקל...

עס זייַנען אַוועק נאָך עטלעכע יאָר.

חיים־יאַנקל איז שוין ווייַס געוואָרן, און דער בוים איז נאָך געשטאַנען.

דער בוים איז אָבער אויך ניט דער זעלביקער געווען.

— „עפּעס וויים איך ניט וואָס מיט דעם בוים איז געוואָרן!"

— פֿלעגט חיים־יאַנקל וועלן אַ מאָל אויסרעדן דאָס האַרץ פֿאַר עמעצן, — „עפּעס איז ער ווי אייַנגעבויגענער געוואָרן, שיטערער די צווייַגן, און איז גאָרניט דער וואָס אַמאָל".

נאָר קיינער האָט אים נישט געענטפֿערט: אַ נאַרישער שנייַדער, האָט אַלץ אַן עסק מיטן בוים...

און חיים־יאַנקל האָט מיט זייַנע מאַטע אויגן, מיט אַ געקלעמט האַרץ געקוקט ווי דער איינציקער בוים אין גאַס שטאַרבט אָפּ אין איינעם מיט אים...

— „די קינדער האָבן אים אַוועקגעהרגעט"; — פֿלעגט ער וויינען אין דער שטיל, — „דער בוים דאַרט, ער שטאַרבט אָפּ"...

און חיים־יאַנקל האָט זיך דערמאָנט אין טביה עליו־השלומס ווערטער:

— „כּי האָדם עץ השׂדה"...

— „אַ למדן אַ ייִד געווען, אַ שאָד וואָס ער איז געשטאָרבן", — פֿלעגט חיים־יאַנקל זיפֿצן אין אַזוינע מינוטן. ער לענט זיך אָן אין פֿענצטער און הערט זיך צו, ווי דער בוים רוישט קוים מיט זייַנע עטלעכע איבערגעבליבענע צווייַגן...

עליו השלום (אָלעוו־האַשאָלעם) — בייַם דערמאָנען אַ געשטאָרבענעם: „זאָל פֿרידן זייַן איבער אים."

פאַרשטעלטע מיליאָנערן

א.

עס איז געווען אַ שיינער זומערטאָג. די זון האָט געטריקנט די קליינע הײַזלעך פון גאַס און אירע שטראַלן האָבן זיך גע־שפּילט אויף די שויבן פון די פענצטער. קליינע קינדער האָבן זיך געשפּילט אין מיטן דער גאַס מיטן זאַמד און זיך צעלאָפן דעמאָלט ווען אַ פור האָט זיך באַוויזן אויפן שפּיץ באַרג פון מאַרק, און נאָך דעם ווי די פור פלעגט פאַרשווינדן, האָבן זיי זיך צוריק אַנידערגעזעצט אין מיטן גאַס.

אויף אַ גאַניק איז געזעסן אַן עלטערע מיידל און האָט עפּעס גענייט. די מוטער, אַ פרוי אין די מיטעלע יאָרן, איז געזעסן קעגנ־איבער מיט אַ זאָק אין דער האַנט און האָט דאָ געקוקט אויף די קינדער וואָס שפּילן זיך, דאָ אויף דער טאָכטער, און פון צײַט צו צײַט האָט זי גוטמוטיק געגענעצט.

אין גאַס איז געוואָרן שטילער און רואיקער. עס האָט זיך בלויז געהערט אַ דומפּ קלאַפּן פון אַ האַמער ערגעץ אין אַ ווײַטער קוזניע. ענדלעך זײַנען אויך די דומפּע קלעפּ פאַרשוואונדן. די גאַס האָט אַזוי ווי אײַנגעהאַלטן איר אָטעם און האָט אויף עפּעס גע־וואַרט.

די טאָכטער האָט ענדלעך אַוועקגעלייגט אויפן שוים דאָס שטיקל שטאָף וואָס זי האָט גענייט און זיך פאַרקוקט.

פון ווײַטן האָט זי דערזען גיין אַ ייִדן מיט אַ פּאַק אויף די פּלייצעס. זײַן גאַנג און זײַן אויסזען איז געווען פון אַ פרעמדן, פון אַ ווײַטן...

— „מאַמע, ווער גייט עס דאָרטן?"

די מוטער האָט זיך אומגעקוקט און ניט זעענדיק ווי געהעריק האָט זי געדריקט מיט די פּלייצעס:

— „אפשר אַן אָרעמאַן."

גאַניק — porch גערווינטלעך, קליין און אָפן.
קוזניע — דאָרטן וואו דער שמיד אַרבעט.

אָבער וואָס מער דער פרעמדער האָט זיך דערנענטערט, אַלץ מער האָבן די מוטער און די טאָכטער זיך פאַראינטערעסירט. ענד־לעך איז דער פרעמדער פאַרבײַגעגאַנגען ניט ווײַט פון גאַניק. ער האָט באַגעגנט די בליקן פון די צוויי פרויען. האָט ער דערבײַ העכער אויפגעהויבן זײַנע געדיכטע סודותדיקע ברעמען און שטו־מערהייט עפּעס פאַרגעלייגט.

— „מאַמע, דאָס איז אַ פּאַקן־טרעגער."

— „איך דאַרף גאָרנישט," — האָט די מוטער קאַלט אַרויסגע־זאָגט.

אָבער דער פּאַקן־טרעגער איז פאַרבײַגעגאַנגען האַרט פאַרבײַ דעם גאַניק און אָנגעקוקט זיי מיט זײַנע סודותדיקע אויגן. האָט די טאָכטער זיך ניט געקאָנט באַהערשן און אים אָפּגעשטעלט:

— „וואָס פאַרקויפט איר, ר' ייִד?"

דער ייִד איז שטומערהייט אַרויף אויפן ערשטן טרעפּל פון גאַניק, זיך אַנידערגעזעצט, אָפּגעווישט דעם שוויים מיטן אַרבל פון העמד און אָפּגעבונדן דאָס פּעקל.

אין אָנהייב האָט ער געוויזן ציצות. נאָך דעם האָט ער גע־וויזן אַ קמיעלע, אַ סגולה פאַר קינדער, ווען עס שנײַדן זיך ציינד־לעך. אָבער די מוטער האָט דאָס ניט געדאַרפט, די קינדער זײַנען שוין דערוואַקסן. דער פרעמדער איז ניט נתפּעל געוואָרן. ער האָט גענומען צונויפלייגן די סחורה אין אָרדענונג. דערווײַל האָט די טאָכטער דערזען אַ ביכל.

— „וואָס איז דאָס?" — האָט זי נײַגעריק געפרעגט.

— „דאָס איז אַ מעשׂה־ביכל".

סודותדיק (סוידעסדיק) — פול מיט סודות, — mysterious

ציצות (איינצאָל: ציצה, לייען: ציצע, ציצעס) — די פראַנדזן וואָס זיינען צונויפגעדרייט אויף אַ ספּעציעלן אופן פון וואָלענע אָדער זיידענע פעדעם און וואָס זײַנען פאַראַן אין טלית און אין דעם ייִדנס טראַדיציאָנעלן אָנטאָן.

קמיע (קאַמייע) — talisman, charm

סגולה (זגולע) — אַ גוטער מיטל, אַ וואונדער־מיטל, (געוויינטלעך קעגן אַ קראַנקייט, קעגן אַ צרה).

עס שנײַדן זיך ציינדלעך — עס באַווײַזן זיך ציינדלעך בײַ קליינע קינדער.

נתפּעל ווערן (ניספּאַעל) — באַגײַסטערט ווערן, אַרויסווײַזן אַ שטאַרק געפיל.

— „ווײַזט נאָר אָנקוקן,“ — האָט די טאָכטער אויסגעצויגן די האַנט.

— „צו וואָס?“ — האָט די מוטער ניט דערלויבט.

דער פּאַקן־טרעגער האָט אָבער זיך ניט גערעכנט מיט דער מוטער און שטומערהייט אַרויסגענומען פֿון אַ פּעקל פֿאַרבונדענע ספֿרים דאָס פֿאַרלאַנגטע מעשׂה־ביכל. די טאָכטער האָט זיך גענומען לייענען דאָס פֿאָדערבלאַט:

„דער רײַכער בעטלער. ראָמאַן אין צוויי טייל“.

דער טיטל איז איר שטאַרק געפֿעלן געוואָרן. ווי איז דאָס מעגלעך אַז אַ בעטלער זאָל זײַן רײַך? עס איז זייער טשיקאַווע. דאָ מוז זײַן אַ גוואַלדיקע ליבע. עס מוז אָבער קאָסטן זייער טײַער.

— „צוויי גילדן“, — האָט דער פּאַקן־טרעגער אויסגעבראָמט.

— „מאַמע, איך וועל קויפֿן...“ — האָט זיך די טאָכטער געבעטן. די מוטער האָט שוין אויך באַקומען חשק. אָבער די סומע איז געווען צו גרויס, און זי האָט געוואָלט אָפּשוואַכן דעם אײַנדרוק:

— „עס איז אַ פּנים אַן אמתע מעשׂה?“

— „אמת ווי גאָלד!“ — האָט דער פּאַקן־טרעגער פֿאַרזיכערט.

— „און אַז אַן אמת,“ — האָט די מוטער שוואַך נאָכגעגעבן,

— „דאַרף עס קאָסטן אַזאַ פֿאַרמעגן?“

מען האָט זיך גענומען דינגען. דאָס מעשׂה־ביכל איז געקויפֿט געוואָרן פֿאַר אַ פֿערטעלע. נאָכן אָפּצאָלן האָט די מוטער ווידער געהאַט ספֿקות:

— „עס איז אַ פּנים אַן אמתע מעשׂה? מײַנע שונאים זאָלן אַזוי לעבן...“

דער פּאַקן־טרעגער האָט שוין דאָס פֿערטעלע אַרײַנגעלייגט טיף אין אַ ווײַטער קעשענע. דאַן האָט ער די מוטער באַרויִקט:

— „עס איז אַן אמתע מעשׂה. איך נאַר אײַך ניט אָפּ.“

די מעשׂה איז געווען אין צוויי טייל. אין ערשטן האָט זיך דערציילט פֿון איינעם אַ בעטלער און פֿון איינעם אַ מיליאָנער. דער בעטלער האָט זיך געווענדט צו זײַן משפּחה נאָך הילף. האָבן

טשיקאַווע — אינטערעסאַנט, מאָדנע.
צוויי גילדן — 30 קאָפּיקעס.
באַקומען חשק (כיישעק) — אָנהייבן צו וועלן.
פֿערטעלע — אַ פֿערטל רובל, 25 קאָפּיקעס.
ספֿקות (ספּייקעס) — doubts

אים די רײַכע פון דער משפּחה אַרויסגעוואָרפן פון הויז, די אָרעמע האָבן אים געגעבן עסן און טרינקען פון דעם לעצטן. דער מיליאָנער ווידער האָט געטאָן טובֿות. אין צווייטן טייל האָבן זיך מוטער און טאָכטער דערוואוסט אַז דער בעטלער איז דאָס געווען דער מיליאָנער און דער מיליאָנער איז דאָס געווען דער בעטלער. בײדע זײַנען געווען איין מענטש און דער מענטש האָט זיך פאַרשטעלט דאָ פאַר אַ בעטלער, דאָ פאַר אַ מיליאָנער... דאָס האָט זיי אַזוי פאַרכאַפּט אַז זיי פלעגן צווישן זיך אָפט שמועסן.

— „נו, מאַמע, קען מען שוין וויסן ווער עס איז אַ בעטלער?"

— „מען קען טאַקע ניט..." — פלעגט די מאַמע פילאָזאָפירן.

און אַז דאָס מעשׂה-ביכל איז שוין געווען איבערגעלייענט, האָט זיך ערשט אָנגעהויבן די איבערקערעניש אין זייערע מוחות. געדאַכט האָט זיך זיי אַז יעדער פרעמדער אָרעמאַן וואָס גייט אַרײַן צו זיי נאָך אַ נדבה איז אַ פאַרשטעלטער.

— „מאַמע, וואָס זאָל איך געבן דעם אָרעמאַן?"

— „גיב אים אַ שטיקל ברויט."

— „האָ?... ברויט?... מאַמע... אפשר..."

— „טאָ גיב אים אַ קאָפּיקע."

— „מאַמע, זאָל איך אים אפשר געבן אַ טעלער זופּ?"

— „אַוודאי."

און נאָך דעם האָבן טאָכטער און מוטער געוואַרט אַז עס זאָל צו זיי אַרײַן אַ מיליאָנער און אַ זאָג טאָן:

„דערפאַר וואָס איר האָט מיר געגעבן אַ שיינע נדבה און עסן, בין איך געקומען אײַך באַלוינען. זײַט וויסן אַז איך בין געווען בלויז אַ פאַרשטעלטער. איך בין אַ מיליאָנער, אײַערער אַן אָנקל... בין פאַרלוירן געגאַנגען ווען איך בין געווען אַ קליין ייִנגעלע. איך האָב אוצרות מיט גאָלד און בין געקומען אײַך איצט גליקלעך מאַכן..."

און אַזוי האָבן די צוויי לייענערינס אין יעדן בעטלער געזען אַ מיליאָנער. ער איז בלויז אַ פאַרשטעלטער. אָבער ער וועט ענדלעך אַראָפּוואַרפן זײַנע בעטלערישע קליידער און וועט זיי זאָגן: ער איז זייער אָנקל וואָס איז אַמאָל פאַרלוירן געגאַנגען...

טאָן טובֿות (טויוועס) — טאָן גוטע זאַכן, העלפן מענטשן.

פֿאַרשפּעטיקט

א.

עס האָט זיך אונטערגערוקט דער האַרבסט. די טעג זײַנען געוואָרן קלענער און די נעכט גרעסער. אינעם קלײנעם שטיבעלע בײַ אַנטאָשן — אַן אָרעמער פּויער אין אַ קלײן דערפֿל — האָט מען שוין באַדאַרפֿט בײַנאַכט אַ לעמפּעלע ברענען. דאָס לײמענע פֿלעשל, וואָס אַנטאָש האָט בײַ אַ טעפּער געקויפֿט מיט דרײַ יאָר צוריק פֿאַר אַכט גראָשן, איז געשטאַנען אַ טרוקנס, און עס איז ניט געווען מיט וואָס נאַפֿט צו קויפֿן. דאָס זאַלץ איז שוין באַלד אויסגעגאַנגען. פֿון זײף איז נאָר אַ שטיקעלע געבליבן. פֿון דער מאַכאָרקע איז נאָר געבליבן אויף אַ פּאָר טעג.

אַנטאָש האָט זיך אַלץ געקראַצט אין פּאַטיליצע, געשפּײַט און געוואָרטשעט:

— „קײן זאַלץ ניטאָ, קײן זײף ניטאָ, קײן מאַכאָרקע ניטאָ, גאָרנישט ניטאָ! ס'איז שלעכט!"

אַנטאָש האָט ניט געהאַט וואו צו פֿאַרדינען. ער האָט געהאַט נאָר אײן האָפֿענונג: פֿאַר סוכּות אָנצוהאַקן אַ פֿולן וואָגן סכך און פֿירן עס אין שטעטל אַרײַן, און פֿאַרקויפֿן עס פֿאַר אַ פּאָר גילדן. אַלע יאָר טוט ער אַזוי.

— „ווען וועט זײַן בײַ אײַך סוכּות?" — האָט ער שוין לאַנג אָנגעהויבן צו פֿרעגן דעם אײנציקן ייִדן וואָס האָט געוואוינט אין

טעפּער — דער וואָס מאַכט טעפּ און אַנדערע כּלים פֿון לײם.
גראָשן — אַ האַלבע קאָפּיקע, אַ פֿערטל פֿון אַן אַמעריקאַנער סענט.
נאַפֿט — petroleum, kerosene
מאַכאָרקע — זײער אַ ביליקער און שלעכטער מין טאַבאַק tobacco
קראַצן זיך אין פּאַטיליצע — בײַ ניט וויסן וואָס צו טאָן, בײַ זײַן אין אַ פֿאַרלעגנהײט, איז געווען כאַראַקטעריסטיש פֿאַרן פּויער אַז ער האָט זיך געקראַצט אין פּאַטיליצע (אָדער פּאַטילניצע) — nape of the neck
וואָרטשען — to grumble
סכך (סכאַך) — גרינע צווײַגן אויף צו באַדעקן די סוכּה.
גילדן — 15 קאָפּיקעס.

דאָרף.

— „נאָך לאַנג", — האָט דער ייִד אַ סך מאָל אים שוין גע־ענטפערט.

— „אָבער ווען?" — האָט אַנטאָש ניט געלאָזן רוען.

דער ייִד האָט איין מאָל, ניט פיל טראַכטנדיק, אַ זאָג געטאָן:

— „אין אַ וואָך אַרום".

אין אמתן איז עס געווען ווייניקער. אַנטאָש האָט אויסגע־רעכנט אַז צוויי טעג פאַר סוכּות איז די רעכטע צײַט צו פירן דעם סכך אין שטעטל. דאָס איז געווען אַקוראַט דער ערשטער טאָג יום־טוב.

ב.

אַנטאָש איז פרי אויפגעשטאַנען. ער האָט אויפגעגעסן אַ שטיק גראָב שוואַרץ ברויט, וואָס ער האָט געטונקען אין זאַלץ, און עס פאַרטרונקען מיט אַ קוואָרט קאַלט וואַסער. ער האָט אײַנ־געשפּאַנט דאָס האַלב־הונגעריקע האַלב־פאַרשלאָפענע פערדל, גענו־מען די האַק און זיך געלאָזן אין נאָענטן וועלדל.

ער האָט געהאַקט די שטעכעדיקע צווײַגן איינע נאָך די אַנ־דערע. געקליבן האָט ער אַלץ געדיכטערע און לענגערע. בעסערע סחורה פאַרקויפט זיך גיכער —האָט ער דערבײַ געטראַכט. דער וואָגן איז אַלץ געוואַקסן און געוואַקסן. ער האָט גערעכנט צו לייזן פאַר זײַן סחורה אַ דרײַ גילדן. אים האָט זיך אַלץ געדאַכט אַז עס איז נאָך ווייניק, און ער האָט אַלץ געהאַקט און געלייגט די צווײַגן.

דער וואָגן איז פול געוואָרן. אַנטאָש האָט אים באַטראַכט פון אַלע זײַטן און איז געבליבן צופרידן.

„גענוג וועט זײַן!" — האָט ער פאַר זיך הויך אַרויסגעברומט און גענומען דאָס פערד פאַרן צוים. אַז ער איז אָבער אָפּגעפאָרן אַ פּאָר טריט, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און ווײַטער אַ קוק געטאָן אויפן וואָגן.

אפשר וועט זײַן ווייניק? — האָט ער זיך פּלוצעם דערשראָקן. האָט ער אויסגעהאַקט נאָך פינף צווײַגן און זיך גענומען פאָרן שוין אויף זיכער.

ער איז געפאָרן טריט בײַ טריט. טריט בײַ טריט זײַנען אויך

אַקוראַט — פּונקט, פּינקטלעך, exactly, just

לייזן פאַר סחורה — קריגן געלט פאַר סחורה.

אין קאָפּ זײַנע געדאַנקען געגאַנגען, ווי זיי וואָלטן ניט וועלן גיין גי־
כער פאַר דעם פערדל. אַנטאָש האָט גערעכנט, וויפל זאַלץ ער וועט
קענען קויפן און וויפל זייף, וויפל נאַפט און וויפל מאַכאָרקע פאַר
דעם געלט וואָס ער וועט אַפּלייזן אין שטעטל בײַ די ייִדן. דער
חשבון האָט אים פאַרמאַטערט און ער האָט באַשלאָסן, אַז ער וועט
האָבן דאָס געלט אין האַנט, וועט אים גרינגער זײַן צו באַרעכענען.

ג.

אַז אַנטאָש איז מיט זײַן וואָגן אַרײַנגעפאָרן אַנהייב שטעטל און
האָט דערזען די סוכּות שוין באַדעקט מיט סכך, האָט זיך אים עפּעס
ווי אָפּגעריסן אינעווייניק. אים האָט זיך געדאַכט אַז די סוכּות און
די הײַזער — אַלע דרייען זיך און אַלע שפּרינגען. ער האָט זיך אָבער
געשטאַרקט און געטרייסט, אַז אַלע יאָר איז אַזוי: אַ סך ייִדן דעקן
צו פריִער און אַ סך — שפּעטער. דערפאַר איז שפּעטער טײַערער.
ער איז געפאָרן ווײַטער. אויף אַ גאַניק זײַנען געשטאַנען צוויי
ווײַבער. זיי האָבן געטײַטט מיט די פינגער און זיך צעלאַכט.
— „וואָס לאַכט איר?" — האָט אַנטאָש מיט כּעס געפרעגט.
— „וואָס דו פירסט שוין אַזוי פרי דעם סכך", — האָט איינע
לאַכנדיק געענטפערט.
— „וואָס הייסט פרי?" — האָט אַנטאָש דאָס לאַכן ניט פאַר־
שטאַנען.
— „פרי, פרי..." — האָבן די פרויען געלאַכט.
— „טפו!" — האָט אַנטאָש אויסגעשפּיגן און זיך געלאָזט ווײַ־
טער. דערבײַ האָט ער געטראַכט: ווי קאָן דאָס זײַן? בערקע האָט
אליין געזאָגט „אין אַ וואָך אַרום", איך האָב דאָך אַזוי גוט אויסגע־
רעכנט — נאָך צוויי טעג צו סוכּות...
אַ קאַלטער שווייס האָט אים באַגאָסן: אפשר האָט ער ניט
גוט געציילט? ער האָט פאַרשפּעטיקט? געוויס! אַלע, אַלע סוכּות
זײַנען שוין באַדעקט מיט סכך... ער וועט בלײַבן אָן זאַלץ, אָן מאַ־
כאָרקע, אָן זייף, אָן נאַפט...
טרויעריק האָט ער געפירט דאָס פערדל, וואָס האָט קאַנטיק גע־
שפּירט דאָס גרויסע אומגליק פונעם באַלעבאָס און האָט זיך קוים גע־
שלעפּט מיט אָן אָרעפּגעלאָזענעם מידן קאָפּ.

חשבון (כעזשבן) — רעכענונג.
גאַניק — porch

דערווייל האָבן ייִדן שוין גענומען ביסלעכווייז גיין פון שול, אויסגעפוצט יום־טובדיק.

— „וואָס פירסטו?" — האָט אים איינער אַ פרעג געטאָן.

— „ווי הייסט וואָס? — האָט אַנטאָש תּמעוואַטע אויסגעשטעלט די אויגן, — „כ׳פיר סכך אויף סוכּות. קויפט, טײַערע, קויפט!" — האָט ער זיך גענומען בעטן מיט אַ וויינענדיקן קול.

טייל ייִדן האָבן זיך פונאַנדערגעלאַכט און איינער האָט אים געזאָגט:

— „וואָס דאַרף מען איצטער סכך? נאַר דו! עס איז דאָך שוין יום־טוב".

נאָר אַנטאָש איז פון גרוים אומגליק ווי צעטומלט געוואָרן און האָט האַלב־וויינענדיק גערעדט, קראַצנדיק זיך אין דער פּאַטיליצע:

— „קויפט, קויפט! כ׳דאַרף זאַלץ, כ׳דאַרף זייף, כ׳דאַרף נאַפט..."

ד.

דער עולם ייִדן איז גערירט געוואָרן. זיי האָבן אַ קוק געטאָן אויפן אָרעמען דאַרן פויער, באַטראַכט זײַן נעבעכדיק אויסזען, און איינער האָט אַרויסגעזאָגט, פאַרקרימענדיק מיט ווייטאָג זײַן פּנים:

— „אַן אָרעמער גוי, אַ ביטערער רחמנות!"

— „ער האָט געהאַפט נעבעך גאַנצע גליקן מאַכן פונעם סכך, מיט אַ מאָל — נאַ דיר!" — האָט אַ צווייטער געזאָגט.

— „עס וואָלט געווען אַ יושר אָפּצוקויפן בײַ אים דעם סכך", —— האָט נאָך איינער פאָרגעלייגט.

— „עס איז אויף האַלץ ווערט דאָס געלט", — האָט איינער געשאַצט, באַטראַכטנדיק דעם פולן וואָגן סכך.

— „ווערט הײַנט, ווערט מאָרגן — אַז ס׳איז יום־טוב!"

— „ניטאָ קיין זאַלץ, ניטאָ קיין נאַפט, ניטאָ קיין זייף"... — האָט דער פויער געזונגען זײַן לידעלע, ניט פאַרשטייענדיק וואָס די ייִדן ריידן אויף זייער לשון, נאָר פילנדיק אַז מען טראַכט וועגן אים עפּעס גוטס.

— „שאַ! ער דאַרף גאָר קיין געלט ניט, ער דאַרף סחורה. סחורה אָן געלט מעג מען אים געבן אום יום־טוב אויך!" — האָט איינער געבוירן גאָר אַ נײַע אידייע.

תּמעוואַטע (טאַמעוואַטע) — נאַריש, נאַאיוו.

דער עולם איז לעבעדיק געוואָרן. צווישן רעדל ייִדן האָט זיך געפונען אַ קרעמער וואָס האָט געהאַט דערבײַ אַ קראָם.

— „גיב אים ,חיים, אַ פּאָר טעפּלעך זאַלץ מיט נאָך דאָרטן וואָס ער דאַרף. גיב אים אויף אַ פּאָר גילדן. אַ רחמנות. מיר וועלן אַלע לײַדן דעם היזק.

— „פּאָר וואָס ניט?״ — האָט זיך חיים אָנגעכאַפּט, — „אַן אָרעמער גוי. טאַקע אַ רחמנות.״

— „אַ מצווה, אַ מצווה, ווי איך בין אַ ייִד,״ — האָט יעדערער פֿון עולם געוואָרעמט.

חיים האָט צוגערופֿן דעם גוי, וואָס דאָס גאַנצע רעדל ייִדן איז אים נאָכגעגאַנגען, האָט געעפֿנט די קראָם און האָט אים געגעבן צוויי טעפּ זאַלץ, אַ שטיק זייף, אַ פּלעשל נאַפֿט און צוויי פּעקלעך מאַכאָר־קע.

דער פּויער האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן פֿאַר שׂמחה — צי לאַכן צי וויינען. ער איז נאָר אין שטאַנד געווען צו מורמלען:

— „אַ דאַנק, אַ דאַנק!״

— „נאַ דיר נאָך אַ שטיק חלה!״ — האָט אים פּלוצעם עמעצער אונטערגעטראָגן, ווען ער האָט שוין די סחורה אײַנגעפּאַקט.

— „נאַ דיר נאָך!״ — האָט אים נאָך איינער דערלאַנגט נאָך אַ שטיק.

— „נאָך!״

און מען האָט אַנטאָשן גענומען טראָגן פֿון אַלע זײַטן חלה. ער איז אַ צעטומלטער געוואָרן און האָט קוים געקאָנט אויסריידן:

— „כ׳דאַנק אײַך!...״

דער עולם איז געווען צופֿרידן. און יאַנקל לייבעס, אַ פֿריילע־כער ייִד וואָס האָט געמאַכט יום־טוב פֿון דער פּולער האַנט און אָפּגעבראַכט אַ חתן צו גאַסט, האָט אים אַרויסגעטראָגן אַ גלעזל בראַנפֿן:

— „נאַ, טרינק און פֿאַר געזונטערהייט אַהיים!״

אַנטאָש האָט אין דער גיך אַרײַנגעגאָסן דאָס גלעזל בראַנפֿן אין מויל, פֿאַרביסן מיט אַ שטיק חלה און האָט פֿריילעך אויסגעשריִען:

— „כ׳וועל עס קיין מאָל ניט פֿאַרגעסן!״

היזק (העזעק) — אָנווער, loss

מצווה (מיצווע) — אַ געבאָט, אַ גוטע זאַך, אַן אידעאַלע טואונג.

אָרעמע מצה

א.

עלף אַ זייגער בײַנאַכט.

בײַ חיים לייבעס אין פּאַדראַד, וואו אַ גאַנצן טאָג רוישט און טומלט, איז געוואָרן שטילער. די וועלגערינס, מיידלעך און יונגע ווײַבלעך, פילן זיך זייער מיד און האָבן קיין כּוח ניט צווישן זיך צו רעדן. אפילו חיה־בײלע, דאָס יונגע פריילעכע ווײַבל, וואָס זינגט אַ גאַנצן טאָג לידער איז אויך שטיל. נאָר פאַר זיך אונטערן נאָז ברומט זי דאָס לידל:

„זײַ זשע מיר געזונט, מײַן געטרײַע מוטער,
איך פאָר שוין פון דיר אַוועק"...

ווען ניט דאָס קלאַפּן פון די קאַטשלקעס איבער די ברעטער, דאָס סקריפּען פון רעדל איבערן בלעך, וואָלט זיך געדאַכט, אַז זיי שלאָפן אַלע שטייענדיק, אַזוי מיד און אויסגעמאַטערט זעען זיי אויס. אָפּט מאָל נאָר רײַסט זיך אַרויס אַ געשריי פון אַ נערוועזער מי־דער וועלגערין אויף דער קנעטערין: „פאַרשטײַפּט זיך, מען קען דאָך ניט וועלגערן!" די קנעטערין ענטפערט אַזוי ווי פון אונטער דער ערד: „גיי צום בעקן, וועסטו וויסן ווי צו פאַרשטײַפּן זיך, אויף מײַנע שונאים געזאָגט געוואָרן מײַן כּוח"...

און עס ווערן ווידער אַלע אַנטשוויגן.

און אַז די שטילקייט דויערט צו לאַנג און די מידקייט ווערט

פּאַדראַד — די ספּעציעלע בעקערײַ צו באַקן מצות אויף פּסח. אַ פּאַדראַד פלעגט זײַן אָפן אַ 5 — 6 וואָכן פאַר פּסח. די אַרבעטער אין פּאַדראַד זײַנען געווײנטלעך די אָרעמסטע פון שטעטל.
וועלגערינס — די פרויען וואָס וועלגערן, מאַכן די פלאַכע מצה־פלעצלעך פון די צוגעטיילטע שטיקלעך טייג.
קאַטשלקעס — די קײַלעכדיקע שטעקלעך מיט וואָס מען וועלגערט.
קנעטערין — די פרוי וואָס פאַרקנעט טייג.
פאַרשטײַפּט זיך — דאָ: מאַכט שטײַפער דאָס טייג פאַר די מצות.
בעקן — דאָ: די גרויסע שיסל וואו די קנעטערין קנעט דאָס טייג.

שווערער, הייבט אָן אין פּאַדראַד צו רווישן:

— „איך פֿאַל פֿון די פֿיס, אויף נאמנות", — קלאָגט זיך איין ווועלגערין פֿאַר דער צווייטער.

— „און איך האָב שוין קיין הענט ניט", — ענטפֿערט איר די צווייטע קרעכצנדיק.

אַ דריטע וועלגערין, מיט אַ בלאַס פּנים, מיט גרויסע טיפֿע גריבער אונטער די אויגן, קלאָגט זיך פֿאַר זיי ביידן אַז איר ברעכן אַלע ביינער, זי וואָלט אַוועקגעגעבן אַ האַלב לעבן מען זאָל זי לאָזן איצטער אַוועקגיין אַהיים צושפּאַרן זיך. בײַ די ווערטער „צושפּאַרן זיך" בייגט זי אָן דעם קאָפּ אין אַ זײַט, ווי זי וואָלט פּרואוון ווי גרויס עס איז דערפֿון דער תּענוג.

נאָך אַ וועלגערין דערציילט הויך מיט אַ קול פֿול צאָרן, אַז אין די אַנדערע פּאַדראַדן האָט מען שוין מיט אַ שעה צוריק געענדיקט. דאָס ווירקט זייער שלעכט אויף די וועלגערינס, און דער גאַנצער פּאַד־ראַד צעבונטעוועט זיך מיט אַ געפּילדערײַ:

— „ווען וועט מען שוין גיין אַהיים? אין אַלע פּאַדראַדן האָט מען שוין לאַנג געענדיקט. נאָר בײַ אונדז איז ערגער ווי אומעטום".

נאָר דער זעצער, אַ הויכער דאַרער ייִד, מיט אַ שפּיציק בערדל, מיט אַ פֿאַרפֿלאַמט פּנים, אויף וועלכן עס שטייען גרויסע טראָפּן שווייס, לויפֿט צו צום בלעך, קלאַפּט אָן מיטן שטעקן און צעבייזערט זיך:

— „מצה, מצה! אַ ליידיקער אויוון! וואָס האָט איר זיך צע־רעדט? דער טאָג איז אייך ווייניק?"

ב.

אויף זײַן געשריי לויפֿט אַרײַן פֿון אַ זײַטיק חדרל די באַלע־באָסטע, אַ נידעריקע פּרוי מיט אַ געקנייטשטן פֿינצטערן פּנים, מיט גוטע שוואַרצע אויגן, און זי הייבט זיך אָן בעטן בײַ די וועלגערינס:

אויף נאמנות (נעעמאָנעס) — איך גיב מײַן וואָרט, איך פֿאַרזיכער. דער אויסדרוק ווערט אָפֿט געניצט כּדי צו־פֿאַרפֿעסטיקן אַז די רייד זײַנען אמת.

צושפּאַרן זיך — צולייגן זיך.

תּענוג (טײַנעג) — פֿאַרגעניגן, גרויס פֿאַרגעניגן.

זעצער — דער וואָס זעצט די מצות אין אויוון.

— „באַלד, קינדערלעך, באַלד! פֿאַראַן נאָך אפשר זעקס מיי־רעם אין זעקל".

— „שיינע זעקס!" — קלינגט אויס פֿון ערגעץ אַ ווינקל אַ יונג קינדיש קולכל. דאָס איז דער שיטער אַליין. ווער ווייס נאָך אַזוי ווי ער, וויפֿל מיירעס עס זײַנען נאָך דאָ! ער הייבט אויף מיט זײַנע דאַרע הענטלעך דאָס זעקל און איז זיך משער, אַז עס וועט זײַן נאָך שטאַרקע צען מיירעס. נאָר וואָס זאָל מען טאָן? מען מוז ענדיקן. פֿריִער, שפּעטער, מען וועט אין מיטן ניט לאָזן און זיך צע־גיין.

עס איז ווידער שטיל געוואָרן, אַזוי ווי אַלע וואָלטן געקומען צו איין איבערצײַגונג, אַז מיטן קלאָגן זיך מאַכט מען זיך ניט גרינ־גער. פֿאַרפֿאַלן, ענדיקן מוז מען! שטיל נאָר לאָזט אַ מאָל אַ וועל־גערין אַרויס אַ שווערן קרעכץ, אַנכאַפּנדיק זיך דאָ פֿאַרן האַרצן, דאָ פֿאַרן זײַט: און ווידער דאָס זעלבע קלאַפּן מיט די קאַטשלקעס אי־בער די ברעטער, דאָס סקריפּען מיטן רעדל איבערן בלעך... און די צײַט ציט זיך אַזוי לאַנג...

נאָר אָט קריכט אַרויס די קנעטערין פֿון איר ווינקל, מיט פֿאַר־קאַשערטע אַרבל און מיט גרויסע טראָפּן שווייס אויפֿן פּנים. פֿריילעך הייבט זי אויף אין דער הייך די מיירע, ווי זי וואָלט ווײַזן די וועלגערינס אַזאַ מין אַרטיקל וואָס זיי האָבן קיין מאָל דאָ ניט געזען. מיט אַ הייזעריק קול, דאָך גענוג הויך, רופֿט זי אויס:

— „די לעצטע מיירע!"

— „די לעצטע מיירע!" — קלינגט עס איבערן פּאַדראַד. און אַלע וועלגערינס צעכאַפּן די טייגלעך פֿון דעם טיילערס האַנט מיט

מיירע — אַזוי ווי דאָס טייג טאָר ניט זויער ווערן, בײַם באַקן מצות, פֿאַרניצט מען מיט איין מאָל נאָר אַ געוויסע פּאַרציע מעל און מען קנעט אויס נאָר איין פּאַרציע טייג. אָט די פּאַרציע הייסט — מיירע.

שיטער — דער וואָס שיט די מעל אין בעקן אַרײַן.

משער זײַן (מעשאַער) — זיך פֿאַרשטעלן, אַננעמען, רעכענען.

שטאַרקע צען . . . — מער ווי צען, זיכערע צען.

טייגלעך — די מיירע טייג צעשנײַדט מען אויף באַזונדערע טייג־לעך. פֿון יעדן טייגל וועלגערן די וועלגערינס אויס אַ מצה.

טיילער — דער וואָס צעשנײַדט די מיירע אויף טייגלעך און טיילט זיי פֿונאַנדער די וועלגערינס.

שׂמחה, אונטערזינגענדיק: באַלד, באַלד, באַלד!
— „באַלד", „באַלד" — קלינגט אָפּ בײַ יעדערער אין קאָפּ.
דאָס פּרייליכע װײַבל הייבט ווידער אָן זינגען.
און אָט איז שוין געענדיקט! די קנעטערין ווישט שוין דעם בעקן, דער רעדלער האָלט שוין בײַ דער לעצטער מצה, דער זעצער וואַרט מיט אומגעדולד אויף איר, כאַפּט זי אַרויף אויפן שטעקן און מאַרש אין אויוון, וואו עס טריקענען זיך נאָך אַ צוויי לעצטע מצות.
די וועלגערינס ווישן זיך דעם שווייס און קלײַבן זיך שוין אַוועקצוגיין.
— „אײַ, וועל איך דאָס אַ פאַל טאָן גלײַך אין בעט!" — זאָגט איין וועלגערין דער צווייטער:
— „און וועטשערע?" — פרעגט יענע.
— „ווער האָט כּוח צו עסן? איך וועל זיך אפילו ניט אויסטאָן — גלײַך אין בעט".
— „איך ווייס ניט, צי וואָלט איך געקענט פונאַנדערוועלגערן נאָך איין טייגל", — מישט זיך אַרײַן אַ דריטע אין שמועס — „אַזוי מאַט בין איך!"
— „נו, קומט שוין. קומט שוין!" — שרײַט אַ פערטע, — „פּסח וועלן מיר שמועסן."
— „אוי, ווי דערלעבט מען שוין פּסח!" — האָט זיך איינע צעזיפצט.
— „מען וועט, נישקשה, דערלעבן. אַ לעבעדיקער מענטש דערלעבט אַלץ!" — טרייסט דאָס פּרייליכע װײַבל.

ג.

נאָר פּלוצעם איז אין פּאַדראַד אַ טומל געוואָרן.
די באַלעבאָסטע איז אַרויס פון דעם זײַטיקן חדרל און האָט אַרויסגעזאָגט עטלעכע ווערטער מיט אַ געבעט, כּמעט מיט טרערן, נאָר אין פּאַדראַד האָט זיי יעדערן ווי אַ דונער געטראָפן.
— „נאָך אַ פּוד? נאָך אַ פּוד! אוי וויי!" — האָבן זיך געהערט קולות, — „וואָס שטייען מיר? קומט אַוועק!"
נאָר די באַלעבאָסטע האָט זיי מיט בײדע הענט פאַרצוימט דעם וועג און האָט ווײַטער זיך געבעטן:

רעדלער — דער וואָס רעדלט די מצות, עס זאָלן זיך באַקומען די שורות מיט די לעכעלעך (כּדי די מצות זאָלן זײַן פלאַך).

פּוד — פערציק פונט.

— „איר ווייסט, דאַכט זיך, קינדערלעך, אַז איך יאָג זיך ניט אַזוי נאָך דער פּרנסה, און אַז עמעצער וואָלט מיר איצט געבן פֿאַר אַ פּוד הונדערט רובל, וואָלט איך זיך ניט געשטעלט באַקן און מו־טשען אײַך. נאָר דעם פּוד מוז מען אָפּבאַקן. איך וועל פֿאַר אים אפילו אַ גראָשן נישט נעמען, דאָס איז כּיִענע דער אַלמנהס. שוין אַ וואָך אַז איר זעקל מעל וואַלגערט זיך דאָ, און איך לייג אַלץ אָפּ, עס איז אַלץ דאָ בּילכערע, ריִיכערע, זאָל גאָט ניט שטראָפֿן פֿאַר די רייד. איצט איז שוין אָבער די לעצטע צוויי טעג, מער קען איך שוין ניט אָפּלייגן, זי קען נאָך חלילה אָן מצה בלײַבן. איר קענט דאָך זי — אַמאָל איז זי אַ פֿײַנע באַלעבאָסטע געווען, זי פֿלעגט זײַן בײַ מיר פֿון די ערשטע. פֿאַר די וועלגערינס פֿלעגט זי איבער־לאָזן אַ רובל, הײַנט דעם רעדלער, דעם זעצער, דער קנעטערין... דאָס איז געווען אַ בּיסל אַ בעל־צדקה! איך ווייס ניט פֿאַר וואָס האָט זי גאָט אַזוי געשטראָפֿט... איצטער קען זי אפילו פֿאַרן באַקן ניט באַצאָלן. זי מוז נעבעך באַקן שפּעט בײַנאַכט, אַז אַך און וויי ווי די מצות וועלן שוין טויגן! נאָר אַבי קיין חמץ נישט! האָט רחמנות, קינדערלעך, רוט אײַך אויס אַ בּיסל און לאָמיר זיך נעמען אָפּבאַקן איר די מצות. גאָט וועט אײַך געבן כּוח... נו, איז וואָס זאָגט איר?”

— האָט די באַלעבאָסטע ווי פֿאַרצווייפֿלט אויסגעלאָזן איר בקשה, זעענדיק די מידע און פֿאַרמאַטערטע פּנימער.

— „אוי, רבונו של עולם!” — האָט זיך אַרויסגעריסן בײַ יע־דערער אַ שווערער זיפֿץ, אַנשטאָט אַן ענטפֿער.

אַ שווערע מלחמה איז בײַ זיי פֿאָרגעקומען. עס האָט מלחמה געהאַלטן אַ רואיק בעטל, אַ זיסער שלאָף מיט אַ שווערער קאַטשל־קע. נאָר איין אָרעמע אַלמנה מיט פֿאַרוויינטע אויגן האָט בײַ זיי

אַלמנה — (אַלמאָנע) — widow
בּילכערע — וויכטיקערע
בעל־צדקה (באַל־צדאָקע) — אַ מענטש וואָס גיט צדקה, וואָס העלפֿט אָרעמע־לײַט.
חמץ (כאָמעץ) — געזויערט ברויט; אַלץ וואָס מען טאָר ניט עסן אום פּסח.
רבונו־של־עולם (ריבוינע־שעל־אוילאָם) — האַר פֿון דער וועלט, גאָט. זייער אַן אָפֿטע ווענדונג בײַם אויסדריקן שווערע געפֿילן און בקשות.

גיך שלום געמאַכט, און דאָס פרײלעכע װײַבל חיה־ביילע האָט די ערשטע אויסגעשריִען:

— „איך בלײַב די ערשטע!"

— „איך אויך!" — האָט זיך געהערט אַ צווייט קול.

— „און איך אויך!" — האָט אַ דריטע אויסגערופן.

— „נו, מען װעט שוין אַלע בלײַבן," — האָט אַ פערטע געענטפערט פאַר אַלע איבעריקע, ווי זי וואָלט געווען זיכער, אַז קיינער וועט ניט האָבן די העזה זיך אָפּצוזאָגן.

ד.

די קנעטערין איז שטיל געזעסן אויפן בענקל, וואו דער אַלמנהס מעל איז שוין געשטאַנען און האָט דערויף געקוקט: זי האָט ניט געוואוסט ווי צו באַגיין זיך דאָ. אָפּזאָגן זיך האָט זי ניט געקענט — אַ קלייניקייט אַן אַלמנה! עס איז אַ ביטערער רחמנות. הײַנט קען נאָך דער איבערשטער שטראָפן... נאָר בלײַבן האָט זי מורא געהאַט נאָך מער ווי אַוועקצוגיין. איר האָט זיך ניט געגלייבט, אַז זי זאָל קענען אָפּשטיין בײַם בעקן נאָך אַ שעה. איר האָט זיך געדאַכט, אַז בײַ דער ערשטער מיירע וועט זי פאַלן.

— „איך וועל געווים אַנידערפאַלן," — האָט זי שטיל געשעפּטשעט.

נאָר דאָס פרײלעכע װײַבל האָט באַמערקט דער קנעטערינס טויט־בלייכן פּנים און זי האָט מיט אַ ליבלעכער מינע אויסגערופן:

— „אײַ, אונדזער קנעטערין איז גאָר אַ באָבע. זי איז שוין צוגעשטאַנען! גייט אײַך געזונטערהייט אַהיים שלאָפן. איך וועל פאַר אײַך קנעטן, איך בין מער בריה."

אַלע אין פאַדראַד זײַנען פרײלעכער געוואָרן און יעדערע פון זיי האָט דערשפּירט עפּעס נײַע כּוחות.

און באַלד האָט מען זיך גענומען צו דער אַלמנהס מצות. לעבעדיק און לוסטיק איז צוגעגאַנגען די אַרבעט. דאָס פרײלעכע װײַבל איז געווען זייער צופרידן מיט איר נײַער שטעל און האָט בײַ יעדער מיירע שמייכלענדיק געפרעגט די וועלגערינס: „נו, וואָס

העזה (האַזע) — מוט, דרײַסטקייט, חוצפּה.

צוגעשטאַנען — דאָ: שטאַרק פאַרמאַטערט, קען ניט אַרבעטן.

זאָגט איר״? — אויף וואָס אַלע פּלעגן איר איינשטימיק ענטפערן: „בעסער פאַר דער קנעטערין!״ — ביים בעקן האָט זי געקנאַקט איין ליד נאָכן צווייטן.

דער רעדלער מיט אַ פאַרלאָשענעם פּאַפּיראָס אין מויל האָט געיאָגט איין מצה נאָך דער צווייטער, ער האָט געוואָלט גיכער אָפּ־פּאַרטיקן די בלעך מצה און פאַררייכערן, נאָר אים איז עס ניט גע־לונגען און ער האָט דערפאַר אויסגעזען ווי נערוועז.

און דער זעצער, ניט קוקנדיק וואָס ער האָט נאָך אַנאַנד גע־האַט אַ פולן אויוון מיט מצה, האָט אַלץ געקלאַפּט מיטן שטעקן איבערן בלעך:

— „מצה, מצה. אַ ליידיקער אויוון.״

און די באַלעבאָסטע, וואָס איז געשטאַנען ביים ברעט און, גלייך מיט די וועלגערינס געוועלגערט, האָט זיך אַלץ געבעטן:

— „דינער, דינער! קינדערלעך, מאַכט ניט קיין פלעצלעך! עס איז אָרעמע מצה! אַ רחמנות!...״

☆☆☆

ראָטשילד און ראַקאַפעלער

☆☆☆

א.

פֿון שיף האָט ברוכן אָראָפּגענומען זײַן שוואָגער בײנוש, אַ יונגערמאַן פֿון אַ יאָר 35 וואָס איז שוין פֿינף יאָר אין לאַנד. אין דער היים איז ברוך געווען דער יחסן. ער האָט בײנושן געזאָגט: דו, און בײנוש אים — איר. אָבער ווען ברוך האָט דערזען בײנושעס קורץ געשאָרענע וואָנצן און גלאַט געגאָלט פּנים, האָט ער גלײַך אין האַרצן אים גענומען אירצן. און צו ברוכס גרויס פֿאַרוואונדערונג, האָט אים בײנוש דווקא געזאָגט: דו. דעמאָלט האָט ברוך דערפֿילט וואָס הייסט אַ גר און האָט זיך שוין געריכט אויף אַ סך דערנידערונגען.

אויף מאָרגן, ווען בײנוש איז געקומען פֿון דער אַרבעט און זיך געזעצט גלײַך צו דער וועטשערע וואָס די באַלעבאָסטע, וואָס ער איז געווען אַ שכן, האָט אים צוגעטראָגן, האָט ער זיך געווענדט צום גרינעם:

— „נו, ווי געפֿעלט דיר, ברוך, אונדזער אַמעריקע?"

ברוך איז נאָך געווען שטאַרק מיד פֿון וועג. געדאַכט האָט זיך אים נאָך אַלץ אַז ער איז אויפֿן שיף און אַלץ שאָקלט זיך נאָך. אין דרויסן איז ער געווען אין גאַנצן אַ האַלבע שעה, אי דאָס בלויז לעבן הויז. חוץ קליינע קינדער, גרויסע עזות־פּנימער וואָס פֿאָרן

שוואָגער — brother-in-law
יחסן (יאַכסן) — דער מער וויכטיקער, דער מער אָנגעזעענער.
וואָנצן — mustaches
געגאָלט — shaved
אירצן — זאָגן איר צו אַן עלטערן, צו דעם וואָס מען האָט פֿאַר אים דרך־ארץ, צו אַ פֿרעמדן.
גר (גער) — אַ נײַ געקומענער, אַ פֿרעמדער אין אַ לאַנד.
עזות־פּנימער (אַזעס־פּעניմער) — די וואָס האָבן גרויס חוצפּה, — arrogant

אויף רעדלעך, האָט ער נאָך גאָרניט געזען. אָבער אַז דער שוואָגער פֿרעגט, דאַרף מען ענטפֿערן איידל:

— „אַ וואוילע מדינה."

— „אַ וואוילע מדינה..." — האָט ביינוש שפּאָטיש איבער־געחזרט, — איַ דו גרינער, האָסט דען אַ באַגריף וואָס אַמעריקע איז!"

ב.

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן, האָט אַרויסגענומען פֿון טאַש אַ באַנאַנע און קוקנדיק שטאָלץ אויף ברוכן האָט ער געפֿרעגט:

— „וואָס דאָס איז ווייסטו?"

ברוך האָט אונטערטעניק זיך צוגעבויגן, באַטראַכט די ווילדע פּרי, און ווי אַ פֿאַרשולדיקטער, מיט אַ מאָגער שמייכעלע געענטפֿערט:

— „לאָמיך אַזוי וויסן פֿון בייז."

— „אוודאי, ווי קומען גרינע צו וויסן פֿון אַזוינע זאַכן!" — האָט ביינוש געלאַכט מיט שטאָלץ, — „ביַ איַך אין אייראָפּע ווייסט מען נאָר פֿון בולבע."

— „בולבע איז איצט אויך ביַ אונדז זייער טיַער געוואָרן", — האָט ברוך מיט אַ זיפֿץ איבערגעריסן.

— „און וואָס איז ביַ איַך ניט טיַער?" — האָט ביינוש געשפּאָט, — „אַזאַ באַנאַנע, אויב מען קריגט שוין ביַ איַך, מוז אוודאי קאָסטן אַ פּערציקער. און ווייסט וויפֿל קאָסט זי דאָ? טרעף!"

— „אוודאי ניט מער ווי פֿינף סענט", — האָט ברוך שוואַך אויסגערופֿן, ציטערנדיק צי איז ער חלילה ניט אַריַינגעפֿאַלן מיטן פּריַיז.

און טאַקע אַריינגעפֿאַלן! ביינוש האָט אויף אים ווי אַ זיגער אויסגעשטעלט די אויגן און זיך פֿונאַנדערגעלאַכט שטאָלץ, געזונט און זיכער:

— „אַ גרינער איז אַ גרינער. מענטש דו! פֿאַר פֿינף סענט קריגסטו צען אַזעלכע!"

פּרי (פּיירע) — פֿרוכט.
בולבע — קאַרטאָפֿל, potato
פּערציקער — צוואַנציק קאָפּיקעס, אַ צען סענט.

— „צען שטיק!" — האָט באָרוך זיך באַגײַסטערט פֿון דעם זול, — „טע־טע־טע!" — האָט ער געמאַכט מיט די ליפּן, — „אָט דאָס הייסט אַ זול!"

צופֿרידן וואָס דער גרינער איז דאָך אַ שטיקל מבֿין אויף זײַן אַמעריקע, האָט ביינוש גוטמוטיק אים פֿאַרגעלייגט די באַנאַנע.

— „נאַ, פּאַרזוך, וועסט זיך אויסגרינען."

באָרוך האָט גענומען די פּרוכט מיט ציטערדיקע הענט און ניט געוווּסט וואָס צו טאָן.

— „אַהאַ, איך האָב גאָר פֿאַרגעסן אַז דו ביסט אַ גרינער. ווײַז איך וועל דיר אָפּשיילן.

— „אַזוי גאָר? דאָס שיילט זיך, הייסט עס" — האָט באָרוך זיך געמאַכט חידושן.

— „אַוודאי שיילט זיך עס", — האָט ביינוש דערקלערט און קונציק אַרונטערגענומען פֿון דער באַנאַנע די גראָבע הויט.

— „ס'איז, הייסט עס, אינעווייניק גאָר ווײַס..." — האָט באָרוך ווידער אויסגעדריקט זײַן התפּעלות.

— „עס בעסער, וועסטו וויסן וואָס הייסט גוט", — האָט ביי־נוש ווי באַפֿוילן ווי מען באַפֿעלט אַ קינד.

באָרוך האָט פֿאַרזיכטיק אָפּגעביסן דעם שפּיץ, געגעבן אַ קײַ און זיך מיט שאַרפֿער מבֿינות צוגעהערט צום טעם. ביינוש האָט אויף אים געקוקט און געוואַרט אויף מבֿינות. „מען מוז לויבן" — האָט באָרוך באַשלאָסן, כאָטש געוואָלט האָט ער דעם ביסן צוריק אויסשפּײַען. פֿאַר אים איז עס צו זיס געווען.

— „נו?"

— „עס צעגייט פּשוט אין מויל. אָט דאָס הייסט פּרוכט!" — האָט ער אויסגערופֿן מיט התפּעלות.

און ביינוש איז מיטן שוואָגער פֿון ערשטן עקזאַמען געבליבן צופֿרידן. אויף מאָרגן האָט באָרוך אויסגעהאַלטן אויך דעם עקזאַמען

זול (זאָל) — ווען אַלץ איז ביליק איז אַ זול.

מבֿין (מייווין) — קענער, דער וואָס שאַצט ריכטיק אָפּ.

התפּעלות (היספּײַלעס) — באַגײַסטערונג, פֿאַרוואונדערונג.

שאַרפֿע מבֿינות (מעווינעס) — גרויס קענטשאַפֿט, אמתע פֿאַרשטענ־דעניש.

פון די „טאַמייטאָס". ער האָט זיך פון דעם ווילדן טעם פאַרקרימט, ער האָט אָבער שטאַרק געלויבט און געזאָגט, אַז בײַ „זײ" וואָלט מען עס צעצוקערט. ביינוש איז געבליבן מיט זײַן גרינעם ווידער צופרידן.

ער האָט אים צוגעזאָגט אין גיכן צו געפינען אַ שאַפּ, וואו ער וועט צונייען הענגערס צו מיידלשע בלוזקעס. און ער וועט מאַכן אַ לעבן.

ג.

דאַרף אָבער אין אַ פּאָר טעג אַרום ביינוש פאַרפירן אַ שמועס וועגן אַמעריקנער מיליאָנערן. און דאָ הייבט זיך אָן ברוכס אומגליק. אָנגעפאַנגען האָט ביינוש אים צו דערקלערן אַז אַמעריקע פאַרמאָגט 400 מיליאָנערן, אַזוי הייסן זיי טאַקע — „די פיר הונדערט". נאָר דער גרעסטער פון זיי איז ראַקאַפעלער.

— „ווער איז דער ראַקאַפעלער?"

— „ראַקאַפעלער," — האָט ביינוש דערקלערט, — „איז דער גרעסטער מיליאָנער פון דער גאַנצער וועלט."

דאָ האָט זיך ברוך דערמאָנט אין ראָטשילדן. ראָטשילד איז ברוכן געווען אײַנגעבאַקן טיף אין האַרצן: ערשטנס — אַ ייִד און צווייטנס — טאַקע ראָטשילד! און הערנדיק אַז ראַקאַפעלער איז גאָר דער גרעסטער מיליאָנער, האָט אים עפּעס אַ ריר געטאָן בײַם האַרץ, און זייער פאַרזיכטיק האָט ער באַמערקט:

— „און ראָטשילד?"

— „עט, ביסט אַ שוטה," — האָט ביינוש זיך אָנגעכאַפּט, — „בײַ אײַך אין איראָפּע איז ראָטשילד אַ שיסער. דאָ ווייסט מען אפילו ניט פון אים... ראָטשילד פאַרמאָגט ניט אפילו ראַקאַפע־לערס מיסט..."

ברוך האָט ביטער אַ שמייכל געטאָן און באַשלאָסן אַז אונטער־געבן זיך דאַרף מען ניט אַזוי גיך. באַנאַנעס און „טאָמייטעס" קאָ־נען טאַקע גוט זײַן, ער איז אַ גרינער און קרי[illegible] זיך דערפאַר מיטן

בלוזקעס — blouses

ראָטשילד — איז געווען זייער פּאָפּולער בײַ ייִדן. מען פלעגט דער־ציילן אַ סך מעשׂיות וועגן ראָטשילדס רײַכקייט.

שיסער — דאָ: מאַכער, קנאַקער, אויפטוער.

מיסט — אָפּפאַל, שמוץ.

שוואָגער וועט ער ניט. אָבער עס האָט דאָך אַלץ אַ גרענעץ! און ער האָט איידל באַמערקט:

— „מיר דאַכט זיך, ביינוש, אַז איר האָט אַ טעות... איך למשל האָב פון ראָקאָפעלערן קיין מאָל ניט געהערט. פון ראָטשילדן אָבער וויים אַ קינד אין וויג. אַ קליייניקייט — ראָטשילד!..."

— „נו," — האָט ביינוש אַ שטאָך געטאָן, — „וואָס זשע ביסטו ניט געפאָרן קיין פּאַריז צו ראָטשילדן?"

— „כע־כע־כע! — וואָס האָב איך מיט אים פאַר אַ געשעפטן", — האָט ברוך מוטלאָז געלאַכט, — „נאָר איך מיין, אַז מען רעדט — רעדט מען. ס'הייסט, ווער וויים דען ניט אַז ראָטשילד איז דער גרעסטער מיליאָנער?"

— „ביסט אַ גרינער", — האָט ביינוש געטענהט, — „מען זאָגט דיר אַז ראָקאָפעלער איז דער גרעסטער מיליאָנער, קומסטו מיט דיין ראָטשילדן..."

— „מיינער? וואָס הייסט מיינער?" — האָט ברוך זיך געהאַלטן פעסט, — „ער איז מיינער ווי דיי... ווי דיי... ווי אייערער. עס רעדט זיך נאָר, ראָטשילד — וויסט יעדערער — איז דער גרעסטער מיליאָנער."

— „אויב אַזוי, לאָמיר בעסער וועגן דעם ניט ריידן", — האָט ביינוש טרוקן אַרויסגערעדט, זיך אויפגעשטעלט און שטום פאַרייכערט אַ דרייסענטיקן סיגאַר.

ברוך האָט געפילט אַז דער שוואָגער איז בייז אויף אים, נאָר קיין חרטה האָט ער דאָך ניט געהאַט.

— „ס'איז דאָך נאַרישקייט," — האָט ער פאַר זיך געטראַכט, — „עס האָט דאָך אַלץ אַ גרענעץ!"

דער ערשטער קאָנצערט

א.

קינדווייַז האָט לילי אַרויסגעוויזן „געניאַלע" פעאיקייטן צו שפּילן פּיאַנאָ. אַזוי האָבן געזאָגט אַלערליי פּיאַנאָ-לערערס און לערערינס, וואָס האָבן זי געלערנט און האָבן בייַ די אַזוי אויך ניט פאַרמעגלעכע עלטערן צוגענומען די לעצטע פּאָר דאָלאַר. האָט מען זי שוין צו צען יאָר געגרייט צו דער גרויסער קאַריערע — צום ערשטן קאָנצערט, וואָס זי וועט דאַרפן געבן.

אירע בלאָנדע האָר האָט מען געלאָקט און געקאַרבט, געפלאָכטן און געדרייט. און וואָס פּאָר אַ קליידעלע מען האָט איר געניייט, צי געקויפט פאַרטיק, האָט עס געמוזט האָבן יענעם אויסזען און שניט פון אַ קליידל, וואָס מען טראָגט אויף דער בינע. שטילערהייט האָט אפילו די מוטער, וואָס איז אַליין געווען אַ באַזוכערין פון קאָנצערטן, געלערנט די קליינע לילי, ווי אַזוי זי זאָל אַרויס צום עולם, ווי אַזוי צו פאַרנייגן זיך נאָכן שפּילן, ווען ס'וועלן קומען די שטאַרקע אַפּלאָדיסמענטן. און טאָקע צוליב דעם ציל האָט זי די מוטער גענומען אָפט אויף געוויסע קאָנצערטן פון גרויסע פּיאַניסטן... זאָל דאָס קינד וויסן, ווי אַזוי מען טרעט אויף, ווי אַזוי מען האַלט זיך... עס וועט איר, נישקשה, צו ניץ קומען...

געוויס האָט לילי דורכגעמאַכט פּאָבליק סקול; אָבער איבעריקע בילדונג האָט מען איר נישט געזוכט צו געבן. איר הויפּט-בילדונג איז געווען מוזיק און מאַנירן.

וואָס אָנבאַלאַנגט יידישקייט האָט לילי בלויז טונקל געוואוסט, אַז זי איז „דזשואיש"... די עלטערן, אַליין אַמעריקאַניזירטע, האָבן גערעדט אין הויז ענגליש. וועגן לערנען לילין יידיש איז גאָר קיין רייד נישט געווען. איר טאַלאַנט איז פאַר דער וועלט, נישט פאַר יידן אַליין...

אַז לילי איז אַלט געוואָרן זעכצן יאָר, איז זי נאָך אַלץ נישט

געלאָקט און געקאַרבט — געדרייט די האָר, עס זאָלן זייַן לאָקן — curles

אַפּלאָדיסמענטן — applause

צײַטיק געווען פֿאַר אַ קאָנצערט. דער לערער אַליין, אַן אַמאָליקער קאָנצערטיסט, האָט איר נאָך געגעבן אַ לעקציע איין מאָל אַ וואָך, און ווײַל זי האָט נאָך אַלץ געהאַט „געניאַלע" פֿעאיקייטן, האָט ער איר גערעכנט פֿאַר אַ לעקציע בלויז פֿינף דאָלאַר. געוויינטלעך נעמט ער — האָט ער פֿאַרזיכערט די אָרעמע עלטערן — פֿינף און צוואַנציק. און דאָס אויך, ווען דער שילער אָדער די שילערין פֿאַרמאָגט יענע פֿעאיקייטן וועלכע אַפּעלירן צו אים...

אַז די פֿינף דאָלאַר פֿאַר אַ לעקציע איז געוואָרן שווער צו צאָלן, האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט דער ספק צום ערשטן מאָל אין די עלטערנס הערצער. ווער ווייסט צי לילי איז טאַקע געניאַל? און וואָס וועט זײַן דער תּכלית? געווים שפּילט לילי גוט, דער טאָן איז אַ ריינער, די טעכניק איז גלאַט. אָבער צו געבן קאָנצערטן איז נאָך ווײַט.

דערהערט די דאָזיקע ספֿקות, האָט דער לערער, דער געוועזענער גרויסער פּיאַניסט, אַן עצה געגעבן, אַז זי זאָל אַליין פּראַקטיצירן און וואָס מער... און מער איז ער נישט געקומען.

האָבן שוין די עלטערן פֿאַרשטאַנען, אַז לילי איז ניט פֿון די וועלט-גרויסע פּיאַניסטינס. האָט עס זיי שטילערהייט וויי געטאָן. בּיסלעכווײַז אָבער איז מען צוגעוווינט געוואָרן מיט דעם און מען האָט אָנגעהויבן צו טראַכטן, ווי אַזוי צו מאַכן אַ תּכלית פֿון דעם ביסל וואָס זי קען. אין הויז איז געוואָרן פֿרייִלעכער. לילי האָט אָנגעהויבן שפּילן לײַכטערע זאַכן.

בּ.

דערווײַל האָט לילי זיך באַקאַנט מיט אַ זינגער, מר' מילמאַן, וואָס האָט זיך געגרייט צו דער אָפּערע, און ביז וואָס ווען, ביז די גליקלעכע צײַט וועט קומען, האָט ער אָנגעהויבן זינגען לידער אויף פֿאַרשיידענע קאָנצערטן וואָס יידישע אָרגאַניזאַציעס אַראַנזשירן. דאָס איז געווען אַ גוטמוטיקער ליבער יונגערמאַן, וואָס האָט זיך קיין מאָל ניט געדונגען. וויפֿל דער פֿירער פֿון דער אָרגאַניזאַציע גיט אים פֿאַר אָפּזינגען אויף אַ פֿאַרזאַמלונג צוויי-דרײַ לידער — איז רעכט! זײַן הויפּט-ספּעציאַליטעט איז געווען יידישע לידער. אָבער פֿון צײַט צו צײַט אויף אַ בּים פֿלעגט ער אַרײַנוואַרפֿן אַן איטאַליענישע אַריע. דערמיט האָט ער געקילט זײַן ברענענדיקע

ספק (סאָפּעק) — doubt, מערצאָל: ספֿקות (ספּייקעס).
תּכלית (טאַכלעס) — נוצן, פּראַקטישער ציל, אַ פּאָזיציע אין לעבן.

אַמביציע צו דער אָפּערע וואָס האָט נאָך געטליִעט טיף אין האַרץ. ער האָט אפילו געקאָנט זינגען אַן פּיאַנאָ־באַגלייטונג, נאָר צוליב פרעסטיזש און צוליב עפעקט האָט ער זיך קיין מאָל ניט געריירט אָן איינעם, צי אָן איינער, וואָס זאָל אים באַגלייטן אויפן פּיאַנאָ. און אָט דעם דאָזיקן זינגער האָט לילי געזאָלט באַגלייטן אויף געוויסע קאָנצערטן. זי האָט זיך געלאָזט עקסטראַ מאַכן אַ קלייד וואָס פּאַסט פאַר אַזוינע סאָרטן קאָנצערטן: נישט צו קורץ און נישט צו שטאַרק אַנטבלויזט.

דער ערשטער אויפטריט איז פאָרגעקומען אין אַ קליינעם זאַל אין אַ יִדישער געגנט. דער זינגער האָט איר אָנגעזאָגט, אַז זי דאַרף קומען אין זאַל נישט שפּעטער ווי נײַן. איז זי געקומען נאָך מיט צען מינוט פריִער. די נאָטן פון די עטלעכע לידער און אַריעס, וואָס דער זינגער איז מיט איר דורכגעגאַנגען נאָך פריִער בײַ איר אין דער היים, האָט זי געטראָגן אין אַ שיינער טעקע. אַרײַנגעקומען אין זאַל איז זי פאַרשעמט, מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן...

דער עולם פון אַ פּאָר הונדערט מענטשן האָט זי טאַקע צוליב דעם באַמערקט, געמאַכט איר אַ וועג צום קינסטלער־צימערל וואָס האָט זיך געפונען אונטער דער כלומרשטער בינע... דאָרטן זײַנען שוין געווען פאַרזאַמלט די עטלעכע רעדנער און נאָך אַ פּאָר „קרעפּטן”, וואָס האָבן באַדאַרפט צוציִען און פאַרהאַלטן דעם עולם, ווײַל דאָס איז געווען אַ מיטינג מיט אַ קאָנצערט צוזאַמען... מיט קיינעם ניט באַקאַנט, האָט לילי זיך שטיל אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקל אויף אַ האַלב־צעבראָכענעם שטול. די „קרעפּטן” מיט די רעדנער האָבן צווישן זיך גערעדט יִדיש. זי האָט מיט אומגעדולד געוואַרט אויפן זינגער, מר׳ מילמאַן. מר׳ מילמאַן איז באַלד אָנגעקומען.

זי האָט האַרציק געשמייכלט צו אים.

— „אַך, איר זײַט שוין דאָ...”

— „מים פעלד” — האָט ער זיך געווענדט צו לילין אויף זײַן צעבראָכענעם ענגליש, וואָס האָט געקלונגען ווי אַ נאָענטער געזאַנג.

— „איך בעט אײַך, זאָגט מיר, וואָס דאָ קומט פאָר?... איז

„קרעפּטן” — אַן אויסדרוק בײַ יִדישע אָרגאַניזאַציעס פון אַמעריקע צו באַצייכענען די זינגערס און אַנדערע פאָרווײַלערס וואָס מען ברענגט צו אַן אונטערנעמונג.

דאָ אַ פֿאַרזאַמלונג צי אַ קאָנצערט?"

דערווייל האָט זיך דערטראָגן אַ פּראָזע פֿון פֿאָרזיצער: „זאָל דער עולם זיך האַלטן רואיק, מיר האָבן דאָ גרויסע קרעפֿטן"...

מר' מילמאַן האָט פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס מיינט מען אים, אָבער צו מוטיקן זי האָט ער איר פֿאַרטייטשט וואָס דער פֿאָרזיצער זאָגט, אַז דאָס מיינט מען זי מיט אים צוזאַמען.

לילים יונג פּנים האָט זיך באַדעקט מיט אַ ראָזער פֿאַרב. דער פֿאָרזיצער האָט פֿאַרגעשטעלט דעם ערשטן רעדנער. לויט די באַוועגונגען פֿון עפּעס אַ יונגנמאַן, וואָס איז די גאַנצע צייט געשטאַנען פֿאַרטיפֿט, האָט לילי שוין געוווּסט, אַז דאָס איז דער וואָס דאַרף איצט גיין. זי האָט אים אָנגעקוקט מיט סימפּאַטיע און פֿאַרערונג צוזאַמען. ער האָט זיך טאַקע געלאָזט גיין אויף די טרעפּלעך וואָס פֿירן צו דער בינע.

און באַלד האָבן זיך דערהערט רייד וואָס זיינען איר געווען זייער אומבאַקאַנט; ביי טייל ווערטער וואָס זי האָט יאָ פֿאַרשטאַנען איז איר געוואָרן ווי לייכטער אין קאָפּ. וועגן וואָס רעדט ער דאָרט? האָט זי זיך פֿאַראינטערעסירט און געפֿרעגט מר' מילמאַן, אויף וועלכן זי האָט געקוקט, ווי אויף איר איינציקן שיצער...

— „אָך, דאָס איז נישט וויכטיק. עפּעס וועגן אַ פֿייערונג פֿון אַ „ברענטש" פֿון אַ קולטור-קלוב... זייט איר דורכגעגאַנגען אין דער היים די לידער?"

— „אָ, יאָ", — האָט זי געענטפֿערט.

— „אייער ערשטער אויפֿטריט! געדענקט!" — האָט ער איר גוטמוטיק געוואָרנט.

לילי האָט גאָרנישט געענטפֿערט. זי האָט זיך בלויז אָנגעשטרענגט צו כאַפּן דעם זינען פֿון אַ הויכער פּראָזע וואָס דער רעדנער האָט אויסגעדונערט. דערווייל האָט זיך אַראָפּגעלאָזט פֿון די טרעפּ דער פֿאָרזיצער. דאָס איז געווען אַ צערודערט מענטשל, מיט צעשויבערטע האָר אויפֿן שטערן. ער איז צוגעגאַנגען צו מילמאַנען און איילִיק געזאָגט:

— „מר' מילמאַן, איצט קומט איר..."

מילמאַן האָט אַ גלעט געטאָן זיין קראַוואַטל, אַראָפּגעצויגן די יום-טובדיקע ווייסע וועסט, אין וועלכער ער האָט אויפֿגעטראָטן אויף אַזוינע קאָנצערטן, און אַ וואונק געטאָן לילן, זי זאָל זיין גרייט.

דער רעדנער האָט געענדיקט. עס האָט זיך דערהערט אַ שוואַך אַפּלאָדירן.

ג.

— „איצט גייען מיר", — האָט מילמאַן אָנגעזאָגט לילין ווי אַ געניטער.

לילי האָט זיך פון גרויס אויפרעגונג געגומען צו די נאָטן.

— „און איצט וועל איך אײַך פאָרשטעלן דעם וועלט־באַרימטן אָפּערע־זינגער — מילמאַן"... — האָט זיך דערהערט דעם פאַרזי־צערס פאָרשטעלן.

לילי, וואָס האָט די לעצטע פּאָר ווערטער פאַרשטאַנען, האָט אָנגעקוקט מילמאַנען מיט נאָך מער רעספּעקט ווי אַלע מאָל און גע־זוכט אין דער זעלביקער צײַט בײַ אים שוץ.

— „קומט, לילי, קומט... גייט נאָך נאָך מיר!..."

זי איז אים נאָכגעגאַנגען ווי ניט מיט אירע אייגענע פיס. זי האָט זיך גלײַך אַנידערגעזעצט בײַ דער פּיאַנאָ, וואָס איז צום גליק געשטאַנען אַזוי אַז זי איז אַרויסגעקומען אין פּראָפיל צום עולם.

נאָך דעם ווי די אַפּלאָדיסמענטן וואָס מר' מילמאַן האָט באַקו־מען (אָט פּונקט אַזאַ מין אַפּלאָדיסמענטן באַקומט ער שטענדיק ווען ער באַווײַזט זיך פאַרן עולם) האָבן זיך אײַנגעשטילט, האָט ער אָנגע־הויבן זינגען דאָס ליד פון „אַפּטער רבין"... לילי האָט דאָ געהאַט אַ שטיקל סאָלאָ — ס'הייסט, עטלעכע טאַקטן האָט מילמאַן גע־שוויגן... זי האָט דערפילט אַ שטילקייט פון עולם. אַז דאָס ליד איז געווען געענדיקט, זײַנען די אַפּלאָדיסמענטן געוואָרן נאָך שטאַר־קער... מילמאַן האָט זיך מיט דעם כּבֿוד געוואָלט טיילן מיט זײַן נײַער באַגלייטערין.

ער האָט זיך צו איר געווענדט מיט די בליקן, זי זאָל זיך אויפ־שטעלן. זי האָט אים ווי היפּנאָטיזירט געפאָלגט און אויך ווי אַ היפּ־נאָטיזירטע אַ נייג געטאָן, האָט זי ערשט געקראָגן די ריכטיקע אַפּלאָ־דיסמענטן... זי האָט שוין אויסגענומען ניט נאָר פאַר איר שפּילן אַליין, נאָר פאַר איר יוגנט און איר שיינעם איידעלן האַלטן זיך און צעשראָקנקייט...

האָט שוין מר' מילמאַן אָנגעהויבן זינגען דאָס ליד „דער בעל־עגלה". לילי האָט שוין באַגלייט ווי אַ געניטע. צום סוף האָט זי פאַרענדיקט אַליין מיט אַ מוזיקאַלישער פראַזע, לויט ווי דאָס דאָזיקע ליד איז אַראַנזשירט און ס'איז אויסגעקומען אַז די אַפּלאָדיסמענטן

נאָכן זינגען איז איר פּאַרדינסט, כאָטש געניינגט שטאַרקער ווי אַלע מאָל האָט זיך מילמאַן.

ביַי דער איטאַליענישער אַריע האָט ערשט מילמאַן באַוויזן, אַז אייגנטלעך איז ער אַן אָפּערע־זינגער און אַז דאָס פֿריִערדיקע וואָס ער האָט געזונגען איז געווען צוליב דעם עולם דאָ וועלכער איז נישט קיין גרויסער בעלן אויף אַריעס. און באמת האָט טאַקע דער עולם אויפֿגענומען די אַריע קעלטער ווי די פֿריִערדיקע ייִדישע לידער. דאָס האָט מילמאַנען ווײ געטאָן, און לילי אַליין האָט זיך דערפֿילט געפֿאַלענער ווי פֿריִער.

מילמאַן אָבער האָט פֿאַרריכט זיַין מערכה ביַים עולם דערמיט וואָס ער האָט געגעבן איבערן פּראָגראַם דאָס ליד פֿון דעם פֿריילעכן „חסידל". די אַפּלאָדיסמענטן נאָך דעם ליד איז שוין געווען ענלעך אויף אַן אָוואַציע. לילי וואָס האָט אויך דאָ געהאַט אַ פּאָר טאַקטן אַליין אויף דער פּיאַנאָ האָט זיך אויך געמוזט נייגן.

ד.

נאָכן קאָנצערט און מיטינג האָט זיך לילי דערפֿילט ווי ניַי־געבוירן. דאָ האָט זי דערקענט איר שטאָט. דאָ האָט זי דערזען פֿאַר זיך אַ ניַיע וועלט. און גייענדיק מיט מילמאַנען, וועלכער האָט זי באַגלייט אַהיים, האָט זי שוין ווי אַ חברטע געזאָגט:

— „מר' מילמאַן, איך וואָלט זייער געוואָלט קענען ייִדיש..."

— „איר וועט קענען, טיַיבעלע, איר וועט קענען", — האָט מילמאַן זי געטרייסט מיט אַ שמייכל.

געקומען אַהיים, האָט לילי דערציילט דער מוטער, וואָס האָט אַן אומגעדולדיקע געוואַרט אויפֿן רעזולטאַט פֿון דעם ערשטן אויפֿטריט אירן:

— „זייער שיין געווען, מאַ, זייער שיין... און אַלץ אין ייִדיש."

און אַ וואָרף טוענדיק אַ פֿינף־דאָלאַרדיק פּאַפּירל, וואָס מר' מילמאַן האָט איר אין וועג איבערגעגעבן ווי האָנאָראַר פֿאַר איר באַגלייטונג אויף דער פּיאַנאָ, האָט זי אַ לוסטיקע געזונגען:

— „מר' מילמאַן האָט מיר צוגעזאָגט אָפּט אַזוינע קאָנצערטן."

די מוטער האָט צוגענומען די פֿינף דאָלאַר, געוואָלט אַ זיפֿץ טאָן, אָבער אַנשטאָט דעם האָט זי לילין אַרומגענומען און זי שטאַרק געקושט.

מערכה (מאַראָכע) — גליק, מזל, פֿאַרריכט זיַין מערכה ביַים עולם — געמאַכט אַז דער עולם זאָל בעסער זיך באַציִען צו אים.

די ראָלע

א.

נאָך דעם ווי מערי, אַ יונגע, שײנע מײדל מיט גרױסע אױסדרוק־פֿולע שוואַרצע אױגן, האָט פֿאַרלױרן איר באַשעפֿטיקונג אין דער קלײדער־פֿאַבריק און אַ לענגערע צײַט קײן אַרבעט ניט געקענט געפֿינען — האָט זי בײז װערנדיק אױף דער אַרבעט בכלל, באַשלאָסן צו זוכן איר גליק אױף אַ נײַעם װעג.

זײַענדיק פֿרײַ איז זי געװאָרן אַ לײדנשאַפֿטלעכע באַזוכערין פֿון קינאָ, האָט זיך אינטערעסירט מיט דעם לעבן פֿון די גרױסע סטאַרס פֿון דער קינאָ־װעלט. פֿון די פֿילעם־זשורנאַלן, װאָס מערי האָט אָפֿט געלײענט, איז זי געװאָר געװאָרן, אַז אַ טײל פֿון זײ זײַנען פֿריִער געװען אָרעמע מײדלעך און נאָר דורך אַ צופֿאַל זײַנען זײ געװאָרן גרױסע אַקטריסעס. איבערהױפּט האָבן זײ עס געהאַט צו פֿאַרדאַנקען זײערע גרױסע, שײנע אױגן.

װען מערי האָט געלײענט װעגן זײערע גליקן, האָט זי אין זינען געהאַט אירע אױגן און האָט זיך דערמאָנט די מבֿינות פֿון אירע „אינטעליגענטערע" באַקאַנטע, סײַ בחורים, סײַ מײדלעך, אַז זי איז געבױרן פֿאַר אַן אַקטריסע אין קינאָ. זי דאַרף נאָר האָבן די געלעגנהײט.

און אומגעגאַנגען אַ לענגערע צײַט אָן אַרבעט, האָט זי זיך אײן מאָל געלאָזן אין אַ סטודיע, װאָס האָט זיך געפֿונען אין אַ פֿאַרװאָרפֿענער געגנט אַרום ניו־יאָרק.

צושלאָגנדיק זיך צום דירעקטאָר, האָט זי אױסגעפּראַלט װי אין פֿיבער איר פֿאַרלאַנג. ער האָט זי מיט אַ גוטמוטיק שמײכעלע באַטראַכט, אַרײַנגעקוקט איר טיף אין די אױגן, און קענטיק בלײַבנדיק צופֿרידן מיט זײ, האָט ער איר געהײסן קומען מאָרגן.

לײַדשאַפֿטלעך — passionate
קינאָ — the movies
פֿילעם־זשורנאַלן — movie magazines
מבֿינות (מעװינעס) — קענטשאַפֿט, פֿאַרשטענדעניש ; מײנונגען װאָס
מען זאָגט אַרױס מיט אַ טאָן פֿון אַ קענער.
אױסגעפּראַלט — אַרױסגעזאָגט אַזױ װי מיט אַ קנאַל, אַזױ װי אַ שאָס.

אויף מאָרגן האָט דער דירעקטאָר זי שוין אויפגענומען ווי אַ באַקאַנטע און האָט געפרעגט פון וואָס פאַר אַ לאַנד זי קומט.

— „פון רוסלאַנד...״

— „דאָס איז גוט!״ — האָט דער דירעקטאָר ווי אויסגעזונגען. — „מיר וועלן פּראָדוצירן אַ גרויס רוסיש בילד. מיר דאַרפן האָבן מענטשן. קומט אין אַ וואָך אַרום״.

ב.

די וואָך האָט זיך געצויגן ווי יאָרן. אָבער דאָס זײַנען געווען גליקלעכע יאָרן... וואָס פאַר אַ ראָלע, למשל, וועט מען איר געבן? אפשר אַ רוסישע גרעפין צי אַ גענעראַלס אַ טאָכטער?

זי האָט די גאַנצע וואָך רעפּעטירט אין איר צימערל.

זי האָט זיך אפילו פאָרגעשטעלט אין דער ראָלע פון דער רוסישער קייסערין. אַנשטאָט אַ קרוין האָט זי אַרומגענומען איר שטערן מיט איר שנור קרעלן.

פון גרויסע דערוואַרטונגען זײַנען בײַ איר די אויגן נאָך גרעסער געוואָרן.

אין אַ וואָך אַרום איז זי געקומען אין דער פרי אין דער סטודיע. דעם דירעקטאָר האָט זי שוין ניט געזען. עס האָט זי אויפגענומען אַ מאַן וואָס האָט געוואַרט בײַם טויער. אַרום זײַנען געווען אויסגעשטעלט אויטאָמאָבילן און אַ גאַנצע מחנה סטאַטיסטן האָבן געוואַרט.

מען האָט זיי אַלע אַרײַנגעזעצט אין די אויטאָמאָבילן און מען האָט זיך געלאָזט פאָרן ווײַטער פון דער שטאָט. בײַ אַ גרויסן שניייקן פעלד זײַנען די אויטאָמאָבילן שטיין געבליבן. מערי איז אַראָפּ די ערשטע.

מען האָט זיי געבראַכט אין אַ גרויסער, שנעל געבויטער סטודיע. דאָרט האָט מען איר געהייסן דעם מאַנטל מיט דעם הוט אויסטאָן און אַנשטאָט דעם זיך אָנטאָן אַ גרויען קאַפּטאָן מיט אַ גרויטוך איבער דעם קאָפּ.

אַז זי איז אַרויס, האָט זי געזען אַ גרויסע מחנה, אַלע איבערגעקליידט אין אָרעמע קליידער. און געשטאַנען זײַנען זיי געבויגן.

— „אָט אַזוי זאָלט איר אַלע גיין, אײַנגעבויגן, מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ״.

גרעפין — countess

מחנה (מאַכנע) — זייער אַ סך, אַ גרויסע גרופּע.

קאַפּטאָן — אַ לאַנגער איבער־בגד (בעגעד).

די מחנה האָט געזאָלט פאַרשטעלן אַן עטאַפּ אויף די סיבירער וועגן.

מערי האָט זיך איינגעהילט אין איר טוך און מיט לאַנגזאַמע טריט און אַ געבויגענעם קאָפּ געמאַרשירט אין דער מחנה איבער דעם שנייאיקן פעלד.

אַזוי האָט זי געמוזט קומען אַלע טאָג, דורכפירן איר ראָלע ווי אַ פּאָליטישע אַרעסטאַנטין אין רוסלאַנד...

פאַר אירע פריינד האָט זי אויספירלעך פון איר ראָלע נישט דערציילט. זי האָט בלויז אָנגעוואונקען, אַז זי האָט אַ קליינע, אָבער סימפּאַטישע ראָלע.

— „איך שפּיל אַ רעוואָלוציאָנערין!"

און נאָך דעם האָט זי געוויזן די קוויטלעך וואָס זי האָט באַקומען פאַר יעדן טאָג שפּילן, אויף וועלכע זי וועט באַקומען אין דער קאַסע געלט, ווען דאָס בילד וועט זיין געענדיקט.

— „פינף דאָלאַר אַ טאָג!"

האָבן אירע פריינד איר שטאַרק מקנא געווען, און מען האָט געמורמלט:

— „אַ קלייניקייט אירע אויגן... מיט אַזוינע אויגן קען מען ווייט אַוועקגיין"...

די אויפפירונג פון דעם קינאָ-בילד האָט זיך געענדיקט. די פילמען זיינען שוין געווען פאַרפעקט ערגעץ אין טויזנטער עקזעמפּלאַרן און זיינען צעשיקט געוואָרן איבערן גאַנצן לאַנד.

אויף איין שטיקל פילעם איז מערי געטריבן געוואָרן פון קאָזאַקן איבער אַ שנייאיקן פעלד, אַ דערשראָקענע, אַ דערנידעריקטע.

אָבער אין לעבן איז זי געוואָרן שטאָלצער ווי פאַר דעם. זי האָט בלויז געוואַרט, ווען וועט מען ווייזן דאָס בילד אין ניו-יאָרק.

עטאַפּ — דאָ: אַ גרופּע פאַרשיקטע וואָס מען טרייבט זיי אויף די סיבירער וועגן צו אַ ווייטן אָרט, וואוהין די צאַרישע רעגירונג האָט זיי פאַרשיקט.

פּאָליטישער אַרעסטאַנט — דער וואָס איז אַרעסטירט ניט פאַר קיין פאַרברעכן, נאָר ווייל ער טרעט אַרויס קעגן דעם רעזשים פון לאַנד. אין צאַרישן רוסלאַנד זיינען געווען אַ סך פּאָליטישע אַרעסטאַנטן.

קוויטלעך — צעטעלעך.

מקנא זיין (מעקאַנע) — to envy

ג.

די צײַט איז געקומען.

זי האָט מיטגענומען איר נאָענטע פרײַנדין און איז אַוועק זען זיך און ווײַזן זיך.

דער עטאַפּ האָט געדאַרפט דורכגיין בײַם סוף פון בילד און די חברטע האָט איר אַלץ געפרעגט:

— „נו, מערי, וואו ביסטו ערגעץ?... איך זע דיך ניט!”...

— „באַלד, באַלד,” — האָט איר מערי פאַרזיכערט.

און אָט האָט זיך באַוויזן אויפן לײַוונט דער עטאַפּ. זײַן דורכגיין האָט געדויערט עטלעכע סעקונדעס.

מערי האָט זיך אָנגעשטרענגט מיט אירע בליקן אין דעם לײַוונט און געזוכט זיך:

— „שנעל, קוק, אָט בין איך”... האָט זי דערזעענדיק זיך אין דער מחנה, געשלעפּט די חברטע צו זיך. — „זעסט, אָט אין גרויען טוך איבערן קאָפּ. אָט דאָס בין איך... אָט די אײַנגעבויגענע...”

אָבער ביז די חברטע האָט זיך געכאַפּט, איז שוין דער עטאַפּ פאַרשוואונדן, און אויפן לײַוונט האָט זיך באַוויזן אַ גרויסער פּאַלאַץ...

מערי האָט זיך פאַרשעמט פאַר איר חברטע און האָט זיך אַרײַנגעטרונקען מיט אירע אויגן אין פּאַלאַץ...

גאָלדעס פריינד

א.

דער נייער פלאַץ וואו גאָלדע האָט געאַרבעט איז געווען ניט באַזונדער גרויס, אָבער דערפאַר אינטערעסאַנט. די דרייסיק אַרבעטער־מיידלעך וואָס דער שאַפּ האָט פאַרמאָגט זיינען אין פאַרלויף פון די ערשטע עטלעכע טעג געוואָרן איר נאָענט, מיט עטלעכע האָט זי זיך אפילו באַפריינדעט, איבערהויפּט מיט די צוויי וואָס האָבן געאַרבעט מיט איר ביי איין טיש. דאָס זיינען געווען צוויי אַמעריקאַניזירטע יידישע מיידלעך וואָס האָבן גערעדט אַ גוטן ענגליש און אַ שלעכטן יידיש.

זייער שלעכט יידיש רעדן האָט גאָלדען מער אימפּאָנירט ווי דאָס גוטע ענגליש, וואָס אויף דעם איז זי געווען אַ קנאַפּע מבינטע. זי איז ערשט אין לאַנד דריי יאָר און כאָטש זי האָט שוין באַזוכט אַ „נייט־סקול", האָט זי אָבער די נייע שפּראַך נאָך ווייניק געקאָנט. דערפאַר אָבער האָט זי גערעדט אַ שיינעם ליטווישן יידיש. אָבער דערמיט האָט זי ניט שטאָלצירט. זי האָט זיך געמיט צו רעדן וואָס מער ענגליש און וויסנדיק ווי שוואַך זי איז אין דער נייער שפּראַך, איז זי געווען זייער פאָרזיכטיק מיט לאַנגע פראַזעס און אויסדרוקן.

זי פלעגט אויף אַ פראַגע ענטפערן גאָר אַנדערש ווי זי וואָלט געוואָלט, בלויז דערפאַר וואָס זי האָט ניט געוואוסט ווי אַזוי מען רעדט אַרויס ריכטיק אַ געוויס וואָרט. עס איז ביי איר רעכט געווען אַ מאָל אָנגעבן איר וואוינונג אין אַן אַנדער גאַס בלויז דערפאַר, וואָס די גאַס וואו זי האָט געוואוינט איז איר געווען שווער אַרויסצוזאָגן מיטן ריכטיקן אַקצענט.

איבערהויפּט האָט זי אויף אַ סך פראַגעס אין נייעם שאַפּ געענטפערט ניט ווי עס איז געווען, נאָר ווי עס האָט זיך ביי איר סתם אַרויסגערעדט, אַ מאָל צוליב דער שפּראַך, אַ מאָל צוליב צעטומלטקייט, און אַ מאָל גלאַט אַזוי נישט אַראָפּצופאַלן פאַר די אַמעריקאַ־

מבינטע (מייווינטע) — קענערין, די וואָס קען ריכטיק אָפּשאַצן (מענער — מבין).

ניזירטע מיידלעך. שפּעטער אַ ביסל, פּלעגט עס איר פּאַרדריסן. גאָל־דע איז פון דער נאַטור נישט געווען קיין ליגנערין. אָבער צוריקצו־כאַפּן איז שוין איר געווען שווער.

איבערהויפּט איז זי אַריינגעפאַלן מיט דעם ענטפער אויף דער פראַגע וועגן אַ פרײַנד. דאָס רוב מיידלעך פון נײַעם שאַפּ האָבן גע־רעדט וועגן זייערע פרײַנד. מיטוואָך פלעגן אַ סך מיידלעך זיך אײַלן מער ווי אַלע טעג, ווײַל מיטוואָך איז בײַ זיי געווען דער טאָג ווען זיי גייען פאַרברענגען מיט זייערע חתנים און פריינד.

ב.

איינע פון די צוויי נאָענטע מיידלעך וואָס האָבן געאַרבעט מיט איר בײַ איין טישל האָט זי מיט אַ שמייכל אַ פרעג געטאָן:

— „און דו, גאָלדע, האָסט נישט קיין פרײַנד?"

איז זי געבליבן צעטומלט און ניט באַטראַכטנדיק זיך האָט זי מיט אַ זיכערן טאָן געענטפערט:

— „שור... איך האָב..."

און איז גלײַך רויט געוואָרן.

די חברטעס בײַם טישל זײַנען געוואָרן נײַגעריק, וואָס פאַר אַ סאָרט פרײַנד אַ גרינע מיידל קען האָבן און זיי האָבן זיך גע־נומען אויספאָרשן זי:

— „שוין לאַנג?" — האָט איינע געפרעגט.

— „דרײַ מאָנאַט!" — האָט גאָלדע געענטפערט און איז נאָך רויטער געוואָרן.

איז די אַנדערע חברטע שוין מער נײַגעריק און האָט געוואָלט וויסן זײַן פאַך. עס איז באמת געווען טשיקאַווע צו וויסן וואָס פאַר אַ סאָרט פרײַנד אַזאַ גרינע, כאָטש חנעוודיקע מיידל קען אַרײַנ־קריגן. און זי האָט גאָלדען געפרעגט:

— „וואָס פאַר אַן אַרבעט האָט דײַן פרײַנד?"

— „אַן אַרבעט"... איז גאָלדע ווי צעמישט געוואָרן און ניט געפינענדיק גלײַך קײַן פּאַסיקע אַרבעט פאַר איר אויסגעטראַכטן חתן, האָט זי ווי שיער וויינענדיק אויסגעברומט:

— „מײַן פרײַנד איז נישט קײַן אַרבעטער!"

האָבן זיך ביידע אָנגעכאַפּט און אָנגעקוקט פאַרוואונדערטע איי־

דאָס רוב (ראָוו) — די מאַיאָריטעט, majority

טשיקאַווע — אינטערעסאַנט, פאַראינטערעסירט, נײַגעריק.

נע די אַנדערע און נאָך דעם גאָלדען, און איינע האָט איבערגע־פרעגט:

— „אַזוי? ניט קיין אַרבעטער? אַ ביזנעסמאַן?"...

— „ניין, ניט קיין ביזנעסמאַן", — האָט גאָלדע געשטאַמלט און אויף איר שטערן האָט אַרויסגעשלאָגן אַ שווייס.

— „וואָס דען?" — האָבן ביידע מיידלעך זי געצויגן פאַר דער צונג.

און אַזוי ווי גאָלדע האָט נעכטן געלייענט אין אַ צייטונג אַ מאָדנע מעשׂה וועגן אַ „סיילסמאַן", אַזוי אַז דאָס וואָרט איז איר פּעסט אין קאָפּ געבליבן, האָט זי גלייך אַרויסגערעדט:

— „ער איז אַ סיילסמאַן!"

— „אַ, סיילסמאַן!" — האָט איינע ווי מיט קנאה אויסגערופן.

און די צווייטע חברטע האָט זיך נאָך מער צעהיצט און ווי צוגעזונגען:

— „אַ סיילסמאַן! פיין! פיין!"

ג.

אָבער דער דאָזיקער ליגן האָט גאָלדען פאַרשאַפט אומרואיקע טעג און שלאָפלאָזע שעהן ביינאַכט. אין עטלעכע טעג אַרום האָבן שוין אַלע מיידלעך פון קליינעם שאַפּ געוואוסט אַז גאָלדעס פריינד איז אַ סיילסמאַן, און יעדערע איז געווען טשיקאַווע צו וויסן וויפל ער באַקומט געהאַלט און וואוהין ער נעמט זי אוים.

אויף די אַלע פראַגעס איז גאָלדען געווען ניט באַזונדער לייכט צו ענטפערן. געהאַלט האָט זי איר פריינד באַשטימט צוואַנציק דאָ־לאַר אַ וואָך. האָט זיך איין מיידל געוואונדערט וואָס אַזוי ווייניק; האָט גאָלדע געמוזט צוזאָגן אַז אין אַ חודש אַרום באַקומט ער אַ העכערונג פון פינף דאָלאַר און ער וועט שפּעטער נאָך מער באַקו־מען.

האָט אַ מער נייגעריקע מיידל געפרעגט:

— „ווען?"

האָט גאָלדע דאָס געמוזט אָפּלייגן נאָך דעם ווי זיי וועלן חתונה האָבן, דאָס הייסט, זי מיטן סיילסמאַן...

האָט זיך ביי די מיידלעך אָנגעצונדן די אויגן: זי רעדט שוין

קנאה (קינע) — envy

וועגן חתונה! אויב אַזוי, איז דאָך כּדאַי צו וויסן: ווען וועט זײַן זייער חתונה?

האָט גאָלדע דאָס געמוזט אָפּלייגן אויף אַ גאַנץ יאָר. האָט איר איינע געגעבן אַן עצה אַז זי זאָל אַזוי לאַנג ניט פּאַרציַען, ווײַל ניט אַלע סיילסלײַט זײַנען ראַיעלע מענטשן. דאָ האָט זיך גאָלדע געמוזט אײַנשטעלן פֿאַר איר סיילסמאַן, אַז ער איז ניט גלײַך צו אַנדערע פֿון זײַן סאָרט. זי ווייס אויך אַז עס זײַנען דאָ סיילסלײַט, וואָס זײַנען גרויסע שאַרלאַטאַנעס און פֿאַרפֿירן בלויז מיידלעך, מיט אירן אָבער איז זי זיכער. אַזאַ ווי איר סיילסמאַן איז ניטאָ אויף דער גאַנצער וועלט נאָך איינער.

און נאָך דעם האָט זיך אָנגעהויבן אַ מעשׂה מיט צירונג.

— „האָט דיר דער סיילסמאַן שוין געקויפֿט מתּנות?" — האָט מען זי אין אַ פּאָר טעג אַרום געפֿרעגט.

די פֿראַגע איז שוין געווען גאָר אַן אומגעריכטע, און גאָלדען האָט שוין ניט געלונגען לײַכט דערויף צו ענטפֿערן. זי האָט אַ שטאַמל געטאָן, אַז קיין וויכטיקע מתּנות האָט זי נאָך דערווײַל פֿון אים ניט, אָבער ער וועט איר קויפֿן די שענסטע צירונג.

וואָס ווייטער זײַנען די מיידלעך צודרינגלעכער געוואָרן. אַנדערע האָבן געוואָלט זען איר פֿרײַנד.

— „פֿאַר וואָס זאָלסטו טאַקע, גאָלדעלע, ניט באַקענען אונדז מיט דײַן פֿרײַנד?" — האָט שוין אַ צווייטע ווי אַ שטאָך געטאָן, פֿאַרריכטנדיק די פֿריזור מיט די שיינע הענט. און אַ סך מיידלעך האָבן זיך אַ נעם געטאָן צו גאָלדען:

— „באַקען אונדז מיט אים!"

— „אָלרײַט!" — האָט גאָלדע אַ פֿאַרשעמטע געזאָגט — „אויב איר ווילט אַזוי שטאַרק פֿאַר וואָס ניט? ער וועט זײַן זייער צופֿרידן".

ד.

און עטלעכע טעג נאָך אַנאַנד האָט גאָלדע געטראַכט ווי אַזוי אַרויסצופּלאָנטערן זיך פֿון איר סיילסמאַן, וואָס זי האָט אַזוי אומשולדיק און אָן שום כּוונות אים פֿאַר איר חתן געמאַכט. דער אויס-

---

כּדאַי (קעדײַ) — עס איז ווערט, וויכטיק, עס לוינט זיך.

ראַיעל — honest

אָן כּוונות (קאַוואָנעס) — אָן אַ ספּעציעלן מיין.

געטראַכטער סיילסמאַן איז איר געשטאַנען פֿאַר די אויגן, אַ שיינער, אַן אויסגעפּוצטער און האָט איר פֿריינדלעך צוגעשמייכלט. זי האָט זיך געשעמט פֿאַר זיך און פֿאַרן דאָזיקן יונגנמאַן, וועלכער האָט פֿאַר איר שוין עקסיסטירט. זי ווייס בלויז ניט ווי אַזוי צו געפֿינען אים און פֿאַרצושטעלן אים פֿאַר אירע חברטעס אין שאַפּ. אויב זי וועט אים נישט פֿאַרשטעלן די טעג וועט זײַן די חרפּה זייער גרויס. זי וועט מוזן פֿאַרלאָזן דעם שאַפּ.

דער שאַפּ איז איר אָבער געווען נייטיקער ווי דער סיילסמאַן. אַן דעם פֿרײַנד — דעם סיילסמאַן איז אומעטיק, דאָס לעבן האָט נישט קיין זינען, אָבער לעבן קען מען דאָך. אָבער אָן שאַפּ קען מען ניט אויסקומען אַ טאָג. אויב זי וויל זיך ראַטעווען האָט זי נאָר איין וועג, זיך אָפּזאָגן פֿון סיילסמאַן...

און קומענדיק איין מאָל אין שאַפּ האָט זי זיך געמאַכט טרויעריק און פֿאַרטראַכט.

— „וואָס איז מיט דיר, גאָלדע? ביסט היינט אַזוי צעררודערט‟, — האָט איר די חברטע בײַם טיש געפֿרעגט.

דאָ האָט גאָלדע געפֿונען אַ מיטל ווי זיך צו באַפֿרײַען און האָט נאָך טרויעריקער אַרויסגעזיפֿצט:

— „איך בין זיך צעגאַנגען מיט מײַן פֿרײַנד...‟

— „מיטן סיילסמאַן!‟ — האָט זיך די חברטע געוואונדערט.

— „יאָ, מיט אים‟, — האָט גאָלדע בייז געענטפֿערט, — „עס ווײַזט זיך אַרויס, אַז ער איז טאַקע ניט בעסער פֿון אַלע... בין איך זיך מיט אים צעגאַנגען.‟

האָבן זי די מיידלעך געטרייסט און גערעדט איר צו געפֿינען אַן ערלעכן אַרבעטער, ווײַל די סיילסלײַט זײַנען שוין באַוואוסט פֿאַר גרויסע פּאַרפּירערס, און גאָלדע דאַרף דאַנקען גאָט וואָס זי איז פֿון אים פּטור געוואָרן.

און גאָלדע האָט טאַקע געדאַנקט גאָט: פּטור געוואָרן פֿון סיילסמאַן, זי קען צוריק אַרבעטן אין שאַפּ. די מיידלעך זײַנען אַלע אַזעלכע גוטע און פֿרײַנדלעכע. ביז מען געפֿינט אַ רעכטן שאַפּ איז דאָך אַזוי שווער...

חרפּה (כאַרפּע) — שאַנד.
פּטור ווערן (פּאָטער) — זיך באַפֿרײַען.

די צווייטע מוטער רחל

א.

אין די וואָכיקע טעג איז רחל געווען פאַרנומען מיט דער שטוב, מיט די קלענערע קינדער און מיט דער באַלעבאַטישקייט. אַרבעט איז געווען אַ סך און עס איז איר קוים געלונגען אַראָפּצוגנבֿענען פון פרימאָרגן אַ וואָסע־רע האַלב־שעה אויף צו דאַווענען און לייענען די נייטיקסטע תחינה פון טאָג. דערצו האָט זי שוין געמוזט אויפשטיין פריִער פאַר אַלע־מען, אפילו פריִער פאַר איר מאַן יעקבֿן. אין דער דאָזיקער האַלב־שעה פלעגט זי זיך אָבער ניט קענען אַרײַנטאָן אין דעם זינען פון די ווערטער. דער קאָפּ איז איר געווען פאַרנומען מיט אַלערליי אַרבעטן, וואָס זי האָט צו טאָן און די ווערטער האָבן זיך געשאָטן פון מויל ווי עמעצער, ניט זי אַליין, וואָלט מיט עפּעס אַ הענטל ערגעץ באַוועגט.

דערפאַר אָבער שבת איז רחל געוואָרן אַן אַנדערע. אַראָפּגע־וואָרפן די וואָכיקע קליידער, אָנגעטאָן אין איר איינפאַך אָבער ריין שבת־קלייד, אויפן אויסגעוואַשענעם קאָפּ אָנגעטאָן די ווײַסע טוך ביז איבערן שטערן, די בערגן פאַרשטעקט הינטער די אויערן, — האָט איר פּנים אָנגענומען דאָס געשטאַלט פון אַ פרוי פון די אור־אַלטע צײַטן, פון די צײַטן פון די אמהות... אירע צוויי שוואַרצע אויגן האָבן באַקומען שטראַלן און האָבן זיך געצויגן ערגעץ אין אַנדערע ווײַטע וועלטן.

די קלענערע קינדער, מיידלעך, האָבן נאָך דעם ווי די מאַמע האָט ליכט אָפּגעבענטשט זי אַרומגערינגלט און געטוליעט זיך צו איר קלייד און געקוקט אויף איר מיט אויפגעריסענע אייגעלעך און געזאָגט:

תחינה (טכינע) — אַ געבעט אויף ייִדיש. פאַר פאַרשיידענע פאַלן פון לעבן זײַנען דאָ באַזונדערע תחינות.

אמהות (אימאָהעס) — די מוטערס, די פיר מוטערס פון פאָלק ישׂראל: שׂרה, רבֿקה, רחל, לאה.

— „אַ שיינע מאַמע!"

און אַפּילו די דערוואַקסענע טאָכטער האָט אויך ניט געקענט אָפּרײַסן אירע בליקן פון איר מוטער רחל, וואָס איז געזעסן בײַ די ליכט און געלייענט דעם טײַטש־חומש. מער פון אַלץ האָט זי ליב געהאַט צו לייענען וועגן דער מוטער רחל. מיט איר איז רחל געווען ווי איין גוף מיט איין נשמה, און טייל מאָל האָט זיך רחלען געדאַכט, אַז זי אַליין האָט מיט יענער איין גורל. איר מאַן יעקב האָט זי ליב ווי דאָס לעבן. ער האָט, ווי יענער יעקב, דאָס ערשטע יאָר נאָך דער חתונה אַוועקגעלאָזט איר טאַטן דעם ישובניק, וואו ער האָט ניט געקענט זיצן און לערנען און האָט אים געמוזט העלפן אין פעלד — און איז מיט איר אַוועקגעפאָרן אין שטעטל צווישן ייִדן. איר טאַטע האָט זיי נאָכגעיאָגט און איר מאַן יעקב האָט אים שטרענג געזאָגט:

— „שווער־לעבן, איך קען ניט וואוינען בײַ אײַך אין דאָרף צווישן גויים. לאָזט מיך מיט מײַן ווײַב רחל לעבן צווישן ייִדן!"

און דער טאַטע אירער האָט ענדלעך צוגעשטימט, האָט זיי געגעבן מתנות און זיי האָבן זיך באַזעצט אין אַ ייִדיש שטעטל.

ב.

אויך מיט קינדער האָט די ערשטע צײַט פּאַסירט מיט איר ווי מיט דער מוטער רחל. עס איז אַוועק אַ פּאָר יאָר און זי האָט קיין קינד ניט געבאָרן. זי האָט זיך געשראָקן טאַמער וועט יעקב בייז ווערן און וועט איר, לויטן ייִדישן דין, אין צען יאָר אַרום, געבן אַ גט... אָבער גאָט האָט איר געבעט צוגעהערט און זי האָט אין דרײַ יאָר אַרום נאָך דער חתונה געבאָרן אַ קינד. נאָך דעם, אין צוויי יאָר אַרום אַ צווייטס, ביז וואַנען זי האָט פאַרמאָגט פיר קינדערלעך.

טײַטש־חומש — דער חומש אויף ייִדיש, צונויפגעוועבט אין איינעם מיט אַ סך שיינע מעשׂיות, לעגענדעס און קלוגע שפּרוכן. ייִדישע פרויען פלעגן יעדן שבת לייענען פון טײַטש־חומש דעם אײַנגעשטעלטן טייל פאַר דער וואָך.

גורל (גוירל) — fate

ישובניק (יישובניק) — אַ ייִד וואָס לעבט אין דאָרף, ניט צווישן ייִדן.

שווער־לעבן — טײַערער שווער, father-in-law

דין — ייִדישער רעליגיעזער געזעץ.

גט (געט) — divorce אַ פרוי וואָס קען ניט האָבן קיין קינדער מעג מען אָפּגטן.

און אָט־אָט, וועט זי געבוירן אַ פינפט... דאָס וועט שוין זײַן דאָס לעצטע קינד...

און בײַ דעם דאָזיקן געדאַנק ציטערט זי אויף. די מוטער רחל איז בײַם לעצטן קינד געשטאָרבן.

און עס באַפאַלט זי אַ שרעק.

זי וואַרפט זיך אַליין פאָר, וואָס זי נעמט זיך אַזוי איבער און גלײַכט זיך צו דער מוטער רחל! יענע איז געשטאָרבן אויפן מיטן וועג. עס איז געווען אין די צײַטן, ווען יעקב האָט געמוזט אַנטלויפן פון עשׂו. זי אָבער לעבט אין אַ רואיק קליין שטעטל. אַ „גלײַכע־ניש!" — לאַכט זי פון זיך אַליין...

אָבער אַז זי איז געקומען צו דער שטעל אין טײַטש־חומש, וואו עס ווערט דערציילט וועגן דעם טויט פון דער מוטער רחל, האָט זי זיך צעוויינט מער ווי בײַ די טרויעריקסטע שטעלן. פאַר אירע אויגן האָט זיך געמאָלט, ווי אַזוי רחלען באַפאַלן אין מיטן וועג די ווייען, יעקב מיט די קינדער שטייען אַרום איר מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ און ווייסן ניט וואָס צו טאָן. און אָט ווערט געבוירן אויף אַ מיטן פעלד בנימין, און רחל הויכט אויס איר הייליקע נשמה. מען גראָבט פאַר איר אַ קבר אין מיטן פעלד און אַלע גייען אַוועק, אי־בערלאָזנדיק איר קבר אַליין...

דאָס האַרץ פאַרדריקט איר מער און מער. גראָד איז יעקב איצטער אין שטוב. זי שעמט זיך פאַר אים און שטיקט די טרערן. זי קען זיך אָבער לאַנג ניט אײַנהאַלטן און לאָזט אַרויס אַ יאָמערלעך געוויין.

— „וואָס עפּעס אין מיטן דערינען?" — פרעגט יעקב, גייט צו צום טײַטש־חומש, קוקט זיך אײַן און רעדט געלאַסן:

— „וישלח... דאַכט זיך אַ שיינע סדרה... וואָס זשע איז דאָ

עשׂו (אייסעוו) — יעקבס עלטערער ברודער, אויך: יעדער שלעכ־טער ניט־ייִד.

קבר (קייווער) — grave

וישלח—סדרה — די פינף חומשים זײַנען צעטיילט אויף 54 טיילן. יעדער טייל הייסט אַ סדרה (סעדרע). יעדן שבת לייענט מען פאַר די סדרה פון דער וואָך. די סדרה הייסט געוויינטלעך נאָך איינעם אָדער צוויי פון אירע ערשטע ווערטער. וישלח (וואַיִש־לאַך) איז דער נאָמען פון דער סדרה וואו עס דערציילט זיך אויך וועגן רחלס טויט.

צו וויינען?״

רחל ווישט אויס די אויגן. איר מאַנס שמייכל און רואיקע רייד טרייסטן און צערטלען זי. זי ענטפערט ווי פאַרשעמט:

— „די סדרה איז זייער אַ שיינע... איך לייען דאָ ווי אַזוי די מוטער רחל שטאַרבט נעבעך אין מיטן וועג, גייענדיק צו קינד״.

יעקב ווערט ערנסט, גלעט די לאַנגע באָרד וואָס האָט שוין גרויע פעדעם און מורמלט:

— „דער מוטער רחלס קבר איז נאָך עד היום דאָ אין ארץ-ישׂראל. אַ סך ייִדן זײַנען אויף איר קבר מתפּלל. אפשר טאַקע צו-ליב דעם האָט גאָט אַזוי געמאַכט... אַט צו דוד המלכס קבר קען מען טאַקע ניט צוטרעטן. פאַרצוימט און פאַרשלאָסן מיט צענדלי-קער שלעסער... אַט וויינען זיך ייִדן איצטער אויס אויף איר קבר״.

און יעקב גייט צו נעענטער צו רחלען, שעפּטשעט איר אַריין עפּעס אין אויער. און רחל, רויט ווערנדיק, ענטפערט מיט אַן אַראָפּ-געלאָזטן קאָפּ:

— „ווער ווייס... קען זײַן די טעג...״

און צעוויינט זיך ווידער...

— „וויין ניט, נאַרעלע״ — טרייסט זי יעקב, — „אדרבא, דאַרפסט זיך פרייען... ס'וועט שוין זײַן אַ מיזיניקל... אויב אַ ייִנגל, וועט עס טאַקע הייסן בנימין, נאָך מײַנעם אַ ברודער״.

דאָס לעצטע דערשרעקט רחלען אין גאַנצן. פּונקט ווי מיט רחלען: אויך איר קינד וועט הייסן בנימין.

און ווי זי וואָלט זיך געוואָלט ראַטעווען פון אַן אומגליק, בעט זי זיך:

— „מיר וועלן דעמאָלט טראַכטן וועגן אַ נאָמען... אויב אַ ייִנגל...״

— „ניין, פאַרוואָס טאַקע ניט שוין?״, — עקשנט זיך גראָד אײַן יעקב — „בנימין איז זייער שיין. אויב נאָר אַ ייִנגל, וועט ער טאַקע הייסן בנימין״.

עד היום (אַדהאַיעם) — ביזן הײַנטיקן טאָג.
מתפּלל זײַן (מיספּאַלעל) — בעטן צו גאָט, תּפילה (טפילע) טאָן.
שעפּטשען — זאָגן גאָר-שטיל.
מיזיניקל — דאָס ייִנגסטע קינד.
עקשנט זיך (אַקשנט) — שפּאַרט זיך אײַן, באַשטייט אויף דעם.

און ניט באַמערקנדיק רחלס שרעק האָט ער זיך אויפגעשטעלט:

— „מען דאַרף גיין אין בית-מדרש הערן עפּעס נײַס. מען זאָגט אַז די צײַטונגען שרײַבן וועגן מלחמה".

ג.

אין עטלעכע טעג אַרום איז רחל געלעגן געוואָרן. זי האָט מיט ליבשאַפט געטוליעט צו זיך דאָס נײַ-געבאָרענע קינד, אַ ייִנגעלע, און האָט עס נאָך פאַרן ברית שוין גערופן: „בנימינדל מײַנס..."

זי האָט געפילט ווי זי וואָלט זיך געראַטעוועט פון אַ זיכערן טויט. און כאָטש דאָס קינד וועט טאָקע הייסן בנימין, אָבער דאָס זעלבע וואָס מיט דער מוטער רחל איז געשען — קען שוין מיט איר ניט געשען. עס איז שוין דער דריטער טאָג און זי פילט זיך שוין גאָר נישקשהדיק. זי זאָגט שוין אפילו דער עלטערער טאָכטער וואָס צו קאָכן פאַר יעקבן אויף וועטשערע.

פון צײַט צו צײַט אָבער טראָגט זיך דורך פאַר אירע אויגן אַ פעלד, אַ קבר, פון קבר שטײַגט אַרויס אַ בלאַסע געשטאַלט מיט צעשפּרייטע הענט און רופט: „רחל!"

די קימפּעטאָרין כאַפּט זיך אויף פון דרימל, ווישט איבער אירע אויגן און, באַהערשט פון דער זעאונג, ליגט זי אַזוי פאַרטראַכט עטלעכע מינוט.

זי טראַכט וועגן די צײַטן פון חומש, וועגן עשׂון און זײַנע מחנות, וועגן יעקבס אַנטלויפן, און דאַנקט גאָט וואָס זי האָט אַ וואַרעם בעט אונטער אַ דאַך און קען דערציִען אירע קינדער און אַכטונג געבן אויף איר ליבן מאַן.

און זי דרימלט ווידער אײַן.

און אָט זעט זי ווידער דאָס וויסטע פעלד, דעם איינזאַמען קבר, ער שפּאַלט זיך אויף צוויי און די מוטער רחל שטײַגט אַרויס פון אים, לאָזט זיך שפּרײַזן איבערן פעלד מיט גרויסע טריט און איר ווײַס קלייד צעשפּרייט דער ווינט איבער אַלע זײַטן:

— „רחל! רחל! רחל!"

— „רחל!" — וועקט מען זי שטאַרקער — „רחל! קום!"

מחנות (מאַכנעס) — גרויסע גרופּעס מענטשן, גרופּעס פון אַן אַרמיי.

זי כאַפּט זיך אויף, קוקט שטאַר אַרום זיך און זעט לעבן בעט שטיין איר יעקבן.

— „ווער האָט מיך גערופן, האַ?"

— „איך... דײַן מאַן יעקב". זאָגט יעקב שטיל מיט אַ גע־בראָכענער שטים, — „רחל, מיר מוזן גיין. דער שונא איז אין שטאָט. גאָט זאָל זיך דערבאַרעמען."

רחל האָט געריבן די אויגן און ניט געקאָנט באַגרײַפן. גע־דאַכט האָט זיך איר, אַז דאָס מיינט איר יעקב דעם שונא עשׂון... זי האָט ליב געשמייכלט און געענטפערט:

— „דאַנקען גאָט... איך ליג אין דער וואָרעם... בנימינדל וועט אויסוואַקסן אַ רב..."

— „רחלע, קום! טו זיך אָן ווי עס איז... פאַרשטייסט... מיר האָבן דיר ניט געוואָלט אויסזאָגן... עס איז אַ מלחמה... דער שונא איז שוין לעבן שטעטל... מען מוז אַנטלויפן... אפילו קימ־פעטאָרינס. וואָס זאָל מען טאָן? גאָט וויל אַזוי... אַ פינצטערע צײַט..."

ערשט איצט האָט רחל פאַרשטאַנען וואָס איר איז... איר קאָפּ איז געוואָרן ליידיק, ווי מען וואָלט אַלע אירע געדאַנקען אויס־געשעפּט. בלויז פאַר די אויגן האָט זיך געטראָגן דאָס וויסטע פעלד און דער קבר פון דער מוטער רחל...

ד.

די עדה ייִדן האָבן זיך פּאַמעלעך געשלעפּט איבערן וויסטן פעלד צוליב די קליינע קינדער און איבערהויפּט צוליב דער קימ־פעטאָרין רחל, וואָס מען האָט געטראָגן אויף די הענט און יעדער צו שנעלער טראָט האָט איר פאַרשאַפט ווייען אין בויך.

עס האָט געגאָסן אַ קאַלטער, פײַכטער רעגן. רחלס פּנים איז געווען איבערגעדעקט, אָבער דורך דעם קליינעם שפּאַלט פון אי־בערדעק האָט זי דאָס גרויסע וויסטע פעלד געזען און האָט געזוכט

שטאַר — מיט אויגן וואָס באַוועגן זיך ניט.

קימפּעטאָרינס — פרויען וואָס ליגן אין קימפּעט, פרויען וואָס האָבן געהאַט אַ קינד, ליגן נאָך אין בעט און זײַנען נאָך ניט געזונט.

מיט די אויגן יענעם פּלאַץ, וואו מען וועט גראָבן פאַר איר אַ קבר...

— „יעקב!" — האָט זי אויסגערופן פון אונטערן צודעק.

— „וואָס איז, מײַן לעבן?"

— „ס'איז נאָך ווײַט צו אַ שטאָט, צו ייִדן?"

— „יעקב... וואו וועסטו מיך באַגראָבן?... אין מיטן פעלד?"

— „רייד ניט, רחל"... — האָט ער זיך געבעטן.

— „טאָמער געפינט זיך אַ בערגעלע, באַגראָב מיך דאָרטן"...

די עדה איז געגאַנגען אַלץ ווײַטער און ווײַטער.

רחל האָט דערפילט אַז באַלד קומט עס... די יסורים האָבן איר אָפּגעלאָזט, אָבער עס האָט איר באַפאַלן אַ שוואַכקייט. זי האָט געפּרוואווט מאַכן מיט די הענט, זי האָט אָבער ניט געקענט...

זי האָט נאָר געווענדט אירע בליקן אין אַלע זײַטן און געזוכט אַ בערגל, אַ פּאַסיקן פּלאַץ פאַר אַ קבר...

דאָס פעלד איז אָבער געלעגן פלאַך...

די עדה איז געגאַנגען ווײַטער און ווײַטער...

ענדלעך איז מען צוגעקומען צו אַ בוים וואָס איז געוואַקסן אין מיטן פעלד.

דער בוים האָט געגרוישט מיט די אומעטיקע צווײַגן און האָט פאַרבעטן: „רוט זיך אָפּ, ייִדן!"

„אָט דאָ!" — האָט רחל געמורמלט..." — בעסער ווי אין מיטן פעלד..."

זי האָט געוואָרפן אַ פרײַנדלעכן דאַנקבאַרן בליק צום בוים, האָט אַ זיפץ געטאָן און איר נשמה איז אַרויס...

דער רב וואָס איז מיט דער עדה געגאַנגען האָט געמאַכט אַ הספד און געזאָגט:

—„זי האָט אַ גרויסע זכיה! זי איז געשטאָרבן אין מיטן

עדה (איידע) — אַ גרופּע (נאָר וועגן ייִדן), אויך: אַלע ייִדן פון איין אָרט.

הספד (העספּעד) — די טרויער־רעדע נאָך אַ טויטן.

זכיה (סכיִע) — פּריווילעגיע; אַ באַזונדער רעכט אָדער מזל וואָס גאָט טיילט צו דעם מענטשן פאַר זײַן שיינעם כאַראַקטער אָדער פאַר גוטע אויפטוען.

וועג ווי די מוטער רחל... מיר וועלן זי דאָ באַגראָבן..."

און די גאַנצע עדה יִידן האָט דערפילט די גרויסקייט פון דער שעה.

עס האָט אויף אַלע אַ מאָל ווייגעטאָן דער גייסט פון די אַלטע צייַטן פון די אָבות.

קיינער האָט די הייליקייט ניט געשטערט מיט קיין טרער. אפילו דער הימל האָט אייַנגעהאַלטן זייַנע טרערן, ווען מען האָט פאַר רחלען געגראָבן דעם קבר.

די זון האָט אַרויסגעקוקט... זי האָט באַלויכטן דעם קבר פון דער צווייטער מוטער רחל...

און די עדה יִידן האָבן זיך געלאָזט אין וועג מיט זיכערע און פעסטע טריט...

זיי האָבן אַ צווייטע מוטער רחל...

— „גרויסע צייַטן!" — האָט דער רב געמורמלט.

אָבות (אָוועס) — ancestors, געוויינטלעך די דרייַ אָבות: אַברהם, יצחק און יעקב.

די נקמה
(אַ מעשׂהלע)

אין אַ גרויס לאַנד, וואו עס האָט רעגירט אַ בייזער הערשער וואָס אַלע זײַנע קנעכט האָבן געטאָן דעם הערשערס בייזן ווילן, האָט געלעבט אַ נביא.

דער נביא איז אומגעגאַנגען איבער די גאַסן און מערק, און האָט ניט געשווינט יונג און אַלט, אָרעם און רײַך.

דאָס פֿאָלק פֿלעגט ניט שטענדיק הערן דעם נביאס ווערטער. אַ גאַנצן טאָג האָט עס געאַרבעט אין די פֿעלדער, אין די געדיכטע וועלדער אָדער בײַ די גרויסע און רײַכע הארן. אויך האָט דאָס פֿאָלק ניט אַלע מאָל פֿאַרשטאַנען וואָס דער נביא רעדט. דער גרעסטער טייל פֿאָלק פֿלעגט אין אַ פֿרײַער מינוט אַוועקגיין אין שענק אַרײַן אויסטרינקען אַ גלעזל בראָנפֿן, כּדי צו פֿאַרגעסן די צרות און די קנעכטשאַפֿט, אין וועלכער עס האָט זיך געפֿונען יעדערער אין דעם דאָזיקן לאַנד.

נאָר דעם נביא האָט ניט שטאַרק געאַרט וואָס דאָס פֿאָלק הערט אים ניט. ער האָט סײַ ווי סײַ ניט דאָס פֿאָלק געמוסרט, נאָר די פֿירערס פֿון פֿאָלק. און די דאָזיקע פֿירערס — פֿאַרפֿירערס! — האָבן זײַנע ווערטער געטראָפֿן ווי שאַרפֿע פֿײַלן אין האַרץ אַרײַן. און זיי זײַנען אויף אים זייער בייז געווען.

אָבער בייזער פֿאַר אַלע איז אויפֿן נביא געווען איינער אַ גרויסער האר. דעם דאָזיקן האר האָט זיך שטענדיק געדוכט אַז דער גאַנצער מוסר וואָס דער נביא זאָגט איז אָנגעמאָסטן פּונקט פֿאַר אים. ווײַל יעדע זינד וואָס דער נביא האָט אויסגערעכנט איז אויף זײַן נשמה געלעגן. און דער האר האָט זיך געפֿילט שרעקלעך באַליידיקט, און עס זײַנען אים ניט אײַנגעגאַנגען אַלע זײַנע תּענוגים: ניט

נקמה (נעקאָמע) — revenge
מוסר (מוסער) — שטראָפֿרייד.

די וויַנען, ניט די מוזיק וואָס מען האָט פֿאַר אים געשפּילט. און דעם האַרס גרימצאָרן האָט געפֿלאַקערט ווי אַ פֿלאַם־פֿיַיער. און ער האָט שטענדיק געטראַכט וועגן עפּעס אַ שטאַרקער נקמה אין דעם הייליקן נביא.

נאָר שוואַך און פֿאַרשטאָפּט איז געווען זיַין קאָפּ, און ער האָט בשום אופֿן ניט געקענט אויסקלערן קיַין פּאַסיקע נקמה.

האָט ער זיך איין מאָל באַטראַכט און זיך געווענדט צו אַ גרויסן חכם אין לאַנד, און האָט אים צוגעזאָגט אַ סך אוצרות מיט גאָלד, ער זאָל אים זען אַ עצה געבן — וואָס פֿאַר אַ נקמה ער זאָל נעמען אין נביא.

— „איך בין אויף אים אַזוי בייז, אַזוי בייז, אַזוי בייז!" — האָט ער זיך געקלאָגט פֿאַרן חכם:

— „גיב אַן עצה וואָס איך זאָל אים אָפּטאָן. ווי מיינסטו, גרויסער חכם, אפֿשר זאָל איך ביַי אים זיַינע פֿעלדער אָפּנעמען און לאָזן אים אויף דער וועלט אָרעם און נאַקעט?"

און דער חכם האָט געענטפֿערט:

— „די דאָזיקע נקמה איז שוין צו שפּעט, וויַיל דער נביא האָט זיַינע פֿעלדער און אַלץ וואָס ער האָט געהאַט בירושה פֿאַרטיילט אָרעמע פּויערים, און פֿאַר זיך האָט ער גאָרנישט איבערגעלאָזט."

— „אפֿשר זאָל איך הייסן מיַינע קנעכט, זיי זאָלן כאַפּן אים ערגעץ אין אַ ווינקל און גוט אָנברעכן אים די ביינער?"

דער חכם האָט געשמייכלט און געענטפֿערט:

— „ניין, גרויסער האַר. ניט קיין נקמה וועט עס זיַין, נאָר אַ טובֿה. דו ווייסט דאָך אַז דער נביא וויל יסורים האָבן פֿאַר זיַינע הייליקע ווערטער וואָס ער רעדט אין גאָטס נאָמען. די קלעפּ — דאָס איז זיַין באַלוינונג. אַנשטאָט נקמה צו נעמען — וועסטו אים באַלוינען."

תּענוגים (איינצאָל: תּענוג, לייען: טײַנעג, טאַאַנוגים) — גרויסע פֿאַרגעניגנס.

פֿלאַקערן — ברענען מיט אַ העלן פֿלאַם.

בירושה (ביי־יערושע) — אין ירושה, — as an inheritance

יסורים (ייִסורים) — ווייטאָגן, ליידן (דאָס וואָרט קומט נאָר אין מער־צאָל).

— „אפשר מאַכן אויף אים אַ בלבול און אין טורמע אַרײַנוואַרפֿן אים?" — האָט דער האַר ווידער פֿאָרגעלייגט.

— „ווידער ניט קיין נקמה, נאָר אַ טובה", — האָט דער חכם געשמייכלט, — „צווישן די הונדערטער פֿאַרמשפּטע אין טורמע וועט ער זיך פֿילן ערשט גליקלעך און פֿרײַ, ווײַל די אומגליקלעכע זײַנען זײַנע ברידער און חברים. אדרבא, פֿאַר אים, גרויסער האַר, איז אונדזער גאַנץ לאַנד אַ טורמע."

דאָ האָט זיך דער האַר אָנגעבויגן און אויפֿן אויער דעם חכם עפּעס אײַנגערוימט.

— „דאָס איז אויך ניט קיין נקמה פֿאַר אים. אַזוינע מענטשן ווי אונדזער נביא האָבן ניט קיין מורא פֿאַרן טויט. פֿאַרקערט, זיי האַלטן זיך פֿאַר טויט בשעת זיי לעבן, און פֿאַר לעבעדיקע — נאָכן טויט."

דאָ האָט שוין דער האַר פֿאַר צאָרן געקריצט מיט די ציין און דריקנדיק די פֿויסטן אויסגעשריִען:

— „קלער עפּעס פֿאַרט אויס אַ נקמה! איך מוז זיך אין אים נוקם זײַן! איך קען ניט רוען! ער איז מײַן גרעסטער שונא!"

דער חכם האָט רואיק געשמייכלט און געענטפֿערט:

— „באַרואיק זיך, גרויסער האַר. איך האָב אַן עצה ווי אַזוי דו זאָלסט זיך אין אים נוקם זײַן אַז ער זאָל פֿילן שטאַרק און טיף די נקמה."

אָנגעצונדן מיט אַ בייזער שׂמחה האָבן זיך די אויגן פֿון האַר און ער האָט אויסגעשריִען:

— „גיכער זאָג: ווי אַזוי?"

און דער חכם האָט געענטפֿערט:

— „אויב דו ווילסט באמת נקמה נעמען אין נביא, מוזסטו מיט אים שלום ווערן, ווערן זײַנער אַ פֿרײַנד, און לויבן אים, און רימען אים, און גרייסן אים. וואָרעם קיין ערגערס איז ניטאָ פֿאַר אַ נביא, ווען עס ווערן מיט אים שלום אַזוינע מענטשן ווי דו..."

זיך נוקם זײַן (נויקעם) — to take revenge



פאַרגעבונג

כ׳טראָג אַ האַרץ פול ליבע,
כ׳בין מיט ליבע רײַך.
גוטע מענטשן, שלעכטע —
אַלע זײַנען גלײַך.

זינג מיר ניט פון גוטסקייט,
רייד מיר ניט פון זינד —
יעדער מענטש בלויז שפּילט זיך,
שפּילט זיך ווי אַ קינד.

קוק מיט פאָטער־אויגן
אויף דער קורצער שפּיל...
גיב זיך ווען אַ בייזער,
אָבער ניט צו פיל.

ווײַל די קינדער שפּילן,
ביז ס׳פאַרגייט די זון,
און זיי גייען שלאָפן —
ס׳איז קיין בייז דערפון!

דאָס געבעט

עס הערט זיך דער דונער פון ווײַטן,
עס בלענדט אין די אויגן דער בליץ.
אָ גאָט, האָב רחמנות, די אָרעמע
פון בייזן געוויטער באַשיץ,

וואָס אַרבעטן איצט אין די פעלדער,
געפינען זיך ווײַט פון דער היים,
און האָבן קיין אָרט וואו זיך שיצן,
קיין שײַער, קיין דעכל, קיין בוים;

וואָס זײַנען אוועק אונטערוועגנס,
די פורן מיט משׂא פאַרלייגט,
און ווײַט איז פאַר זיי נאָך אַ קרעטשמע,
און ווערן פון רעגן צעווייקט;

וואָס שטייען אין מאַרק מיט די קוישן,
מיט עפּל, מיט גרינס און מיט ברויט —
און אַלע וואָס זײַנען איצט דרויסן,
וואָס טרײַבט זיי דער הונגער און נויט;

און אַלע וואָס זײַנען פאַרוואָגלט,
וואָס האָבן קיין ווינקל דאָ ניט,
די אַלע פון בייזן געוויטער
באַשירעם זיי, גאָט, און באַהיט!

איך בין געגאַנגען

איך בין געגאַנגען אין דעם שטילן פעלד, —
עס האָט דער צער מיך ווײַט געטריבן,
ביז וואַנען איך בין שטיין געבליבן:
איך האָב דערהערט דעם טרויער פון דער וועלט.

ס'איז שטיל געוועזן. דאָך איך האָב דערהערט
ווי עמעצער איז שטיל אַרומגעגאַנגען,
און פול געוואָרן איז די לופט מיט קלאַנגען,
און שטיל געטרויערט האָט די גאַנצע ערד.

און אַט איז נאַכט געוואָרן. די לבנה הויך —
איך ווייס ניט ווי אַזוי, פון וואַנען, —
איז אויפן הימל ציטערדיק געשטאַנען
און האָט געטרויערט, דאַכט זיך, אויך.

און וואָס די גאַנצע וועלט האָט דורכגעלעבט,
אין אַלע אירע צײַטן דורכגעליטן, —
האָט שטיל פאַרבײַ מיר דורכגעריטן
און דורכגעקלונגען, דורכגעשוועבט...

אין פעלד

אַ שטיבעלע אין פעלד, באַזונדער,
דערוועקט אין דיר אַ פרייד און וואונדער.
ווער וואוינט אין איר? דו קענסט ניט וויסן —
זי לאָזט דיך שמייכלענדיק געריסן.

אַ ביימעלע בײַ אירע פענצטער,
וואָס ס׳וויגט אים אום אַ ווינט, דער קלענסטער —
ער רופט אַרויס פאַרגעסענע לידער,
און יונגע טעג — זיי בליִען ווידער.

אַ פליגעלע — ווער ווייסט ווי הייסט זי —
זי פליט אַרום און עפּעס טרייסט זי.
און הערן הערסטו אין איר זשומען:
אויך איך בין דאָ, איך בין געקומען...

אַ טײַכעלע, אַ זילבער־שנירל,
ווי צו אַ גרויסן טײַך אַ טירל —
ער רופט צו גיין און גאַרניט פרעגן
ביז צו די ווײַטסטע גרינע ברעגן...

גליקן

אין ליבן קינדערשן קליין-ביכעלע
איז וואונדערלעך געווען און שיין:
אַ מיידעלע געפינט אַ גאָלדן שיכעלע
וואָס האָט געהערט דעם פרינץ אַליין;

אַ פויערל אין דאָרף, אַן אָרעמער,
אַן אויסגעלאַכטער און אַ נאַר,
ביַי זיַינע ברידער אַ פאַרלאָרענער
ווערט פלוצעם איבער זיי אַ האַר;

אַן אָרעמאַן, אַ מידער וואַנדערער,
טרעפט אָן אַ בעטלערל אין וועג —
ערשט ס'איז דער בעטלער גאַר אַן אַנדערער,
און יענער שענקט אים אַ פאַרמעג;

אַ יונג פון שטאָט וויל זיך דערוויַיטערן,
זוכט אום אין וואַלד און ווייס ניט וואָס —
באַגעגנט אים אַ שיינע ריַיטערין
און לאַדט אים איַין צו זיך אין שלאָס...

אַלץ וואָס לעבט

אַלץ וואָס לעבט וויל לעבן,
אַלץ וואָס לעבט זוכט שוץ
אין אַ וועלט פול בייזקייט
און מיט וויינִיק גוטס.

פלאַטערן די שוואַכע
אין דער גרויסער וועלט,
ווי אין פעלד די גראָזן
פאַר דער גרויסער קעלט...

פלאַטערן די שטאַרקע
אין אַ וועלט פון זינד,
ווי אין וואַלד די ביימער
פאַר אַ שטורעמווינט...

דאָס געזינד זאַלבעאַכט

א געזינד זאַלבעאַכט
און בעטן נאָר צוויי, —
און קומט אָן די נאַכט,
וואו שלאָפן דאָן זיי?

דרײַ מיטן טאַטן
און דרײַ מיט דער מאַמען,
הענטלעך און פיסלעך
געפלאָכטן צוזאַמען.

און קומט אָן די נאַכט,
מ׳דאַרף מאַכן די בעטן,
דאַן הייבט אָן די מאַמע
דעם טויט אויף זיך בעטן.

זי מיינט מיט אָן אמת, —
און וואָס איז דער וואונדער?
אויך ענג איז אין קבר,
דאָך ליגט מען באַזונדער...

דאָס העמערל

אָך, העמערל, העמערל, קלאַפּ,
שלאָג שטאַרקער א טשוועק נאָך א טשוועק!
קיין ברויט איז אין שטוב שוין ניטאָ,
נאָר צרות און לייד אָן א ברעג.

אָך, העמערל, העמערל, קלאַפּ,
דער זייגער, ער שלאָגט שוין באַלד צוועלף.
די אויגן, זיי מאַכן זיך צו.
גיב כּוח, אָ גאָטעניו, העלף!

אָך, העמערל, העמערל, קלאַפּ,
שלאָג שטאַרקער די טשוועקעס, שלאָג גיך!
ביז מאָרגן מוז פאַרטיק שוין זײַן
דער גבירינטעס טעכטערלס שיך.

אָך, העמערל, העמערל, קלאַפּ,
ניט גליטש פון מײַן האַנט זיך אַרויס!
מײַן איינציקער שפּײַזער ביסטו,
פון הונגער אָן דיר גיי איך אויס...

דער גמרא־ניגון

וואָס זשע קלאָגסטו בײַ דער גמרא,
קלויזניק בלאַסער, קלויזניק ליבער?
און דײַן װײנענדיקער ניגון
אין מײַן האַרצן גייט אַריבער,

און מײַן אויג איז פײַכט געוואָרן,
מיט אַ טרער איז עס פאַרלאָפן.
קלויזניק בלאַסער, קלויזניק ליבער,
זאָג: וואָס האָט מיט דיר געטראָפן?

צי דו בענקסט אַהיים נאָך דײַנע
טאַטע, מאַמע, שוועסטער, ברודער,
וואָס אָן זיי ביסטו געבליבן
ווי אַ שיפל אָן אַ רודער?

אָדער אפשר גלאַט דו שעמסט זיך
עסן ברויט בײַ פרעמדע טישן
און מיט בלוט, מיט הייסע טרערן
שלינגסט אַראָפּ דו יעדן ביסן?

אָדער ס'פעלט דיר אוים אַ „מאַנטיק",
און עס האָט דיר שוין געטראָפן
ניט איין מאָל זיך לייגן הונגעריק
אויף דער האַרטער באַנק און שלאָפן?

הייב זשע העכער אויף דעם ניגון,
שטאַרקער, העכער דריי די טרעלן;
וועסט דײַן בענקעניש פאַרגעסן
און דער הונגער וועט ניט קוועלן...

מאי קא משמע לן

מאי קא משמע לן דער רעגן?
וואָס זשע לאָזט ער מיר צו הערן?
זײַנע טראָפּנס אויף די שויבן
קײַקלען זיך ווי טריבע טרערן.
און די שטיוול שוין צעריסן,
און עס ווערט אין גאַס א בלאָטע;
באַלד וועט אויך דער ווינטער קומען —
כ'האָב קײַן ווארעמע קאַפּאָטע...
מאי קא משמע לן דאָס ליכטל?
וואָס זשע לאָזט עס מיר צו הערן?
ס'קאַפּעט און עס טריפט איר חלב
און ס' וועט באַלד פון איר ניט ווערן.
אַזוי צאַנק איך דאָ אין קלײַזל
ווי א ליכטל, שוואַך און טונקל,
ביז איך וועל אַזוי מיר אויסגיין
אין דער שטיל, אין מזרח-ווינקל...
מאי קא משמע לן דער זייגער?
וואָס זשע לאָזט ער מיר צו הערן
מיט זײַן געלן ציפער-בלעטל,
מיט זײַן קלינגען מיט זײַן שווערן?
ס'איז אַן אָנגעשטעלטע כּלי,
ס'האָט קיין לעבן, קיין געפילן,
קומט די שעה, דאַן מוז ער שלאָגן
אָן זײַן רצון, אָן זײַן ווילן...
מאי קא משמע לן מײַן לעבן?
וואָס זשע לאָזט עס מיר צו הערן?
פוילן, וועלקן אין דער יוגנט,
פאַר דער צײַט פאַרעלטערט ווערן.
עסן טעג און שלינגען טרערן,
שלאָפן אויפן פויסט דעם האַרטן,
טייטן דאָ די עולם-הזה
און אויף עולם-הבא ווארטן...

דער נאכט-ווערכטער

שפעט. די נאַכט איז קאַלט און פינצטער
טרויעריק און נאַס;
אין די היַיזער רוען אַלע,
שטיל און שטום אין גאַס.

עלנט שלעפּט זיך נאָך דער וועכטער
אויף דער גאַס אַרום;
אין די שטילע הייזער קוקט ער
בענקענדיק און שטום.

דאָרט אין ווייך און וואַרעם בעטל
שלאָפט זיך אַזוי גוט;
אוי, ווי וואָלטן זיַינע ביינער
דאָרט זיך אויסגערוט!

און ער קלאָגט זיך פאַרן הימל:
זע מיַין טרויער צו!
איך אַליין האָב גאָרנישט, היט איך
פרעמדנס גליק און רו...

א ווינטערליד

הוליעט, הוליעט, בייזע ווינטן,
פרײַ באַהערשט די וועלט!
ברעכט די צווײַגן, ווארפט די ביימער,
טוט וואָס אײַך געפעלט!

טרײַבט די פייגל פון די וועלדער
און פאַריאָגט זיי פאָרט,
די וואָס קענען ווײַט ניט פליִען —
טייט זיי אויפן אָרט!

רײַסט די לאָדן פון די הײַזלעך,
שויבן ברעכט ארויס!
ברענט אַ ליכטל ערגעץ טונקל,
לעשט מיט צאָרן אויס!

הוילעט, הוילעט, בייזע ווינטן,
איצט איז אײַער צײַט.
לאַנג וועט דויערן דער ווינטער,
זומער איז נאָך ווײַט!...

מלחמה

— אָ מאַמע, כ׳וויל אַ ביסל מילך,
ס׳איז טרוקן מיר מײַן גומען.
— מײַן קינד, אַ בייזער פאַסטעך האָט
די אַלע קי פאַרנומען.

— טאָ גיב מיר, מאַמע, ברויט אַ ביס,
דעם הונגער מיר צו שטילן!
— ניטאָ, מײַן קינד, אַ וואַסער האָט
פאַרטרונקען אַלע מילן,

אַ וואַסער ווילד, אַ וואַסער רויט
האָט זיי אַראָפּגעטראָגן,
און אַלע מילנער זײַנען איצט
אַוועק אין פעלד זיך שלאָגן.

— טאָ וואו זשע איז דער טאַטע איצט,
ער זאָל אונדז עסן קריגן?
— דער טאַטע איז אַוועק מיט זיי
אַ שונא צו באַזיגן.

דער טאַטע איז אויך איצט אין פעלד...
דו הערסט, מײַן קינד, אַ ברומען?
ער איז אַוועק, ער איז ניטאָ,
ווער ווייס צי וועט ער קומען...

די וואַנט

די אויגן — פול צאָרן, פאַרגאָסן מיט בלוט.
די הערצער — זיי שלאָגן מיט קראַפט און מיט מוט,
מיר שטייען ביי אַ הויכער געמויערטער וואַנט,
מיט העק און מיט האַמערס, און אייזנס אין האַנט —
מיר ברעכן די וואַנט!

די וואַנט איז געמויערט גאָר פעסט און גאָר דיק,
פאַרצוימט אונדז די וועגן צום לעבן, צום גליק,
פאַרשטעלט אונדז די ליכטיקע זון און זי מאַכט
פון פריילעכן טאָג אונדז אַ פינצטערע נאַכט —
מיר ברעכן די וואַנט!

און פאַלט פון דער שטיינערנער וואַנט ווען אַראָפּ
אַ שטיין צי אַ ציגל, טרעפט וועמען אין קאָפּ, —
די איבריקע בלייבן דאָך שטיין גאָר אָן שרעק
און אַרבעטן וויַיטער, מען לויפט ניט אַוועק —
מיר ברעכן די וואַנט!

די אַרבעט דאַרף דויערן, די אַרבעט איז שווער.
פאַרזאַמלט זיך, ברידער, קומט אַלע אַהער!
זאָל יעדערער צולייגן פעסטער זיין האַנט,
מיר וועלן די הויכע, די פינצטערע וואַנט
צעברעכן, צעברעכן!...

אין אונדזער לאַנד

אין אונדזער רוישיק לאַנד,
אויף וועגן אומבאַשרענקטע,
מיר גייען שטיל אַרום
פאַרטראַכטע און פאַרבענקטע.

און ווער ס׳פאַרשווײַגט זײַן ווײי —
מען ווערט זײַן ווײי דערשפּירן;
ס׳האָט יעדער אין זײַן האַרץ
זײַן היים געבראַכט צו פירן.

און אין געיעג און רויש,
אין טומל, אין געווימל —
זעט יעדער אין דער הייך
זײַן אייגן שטיקל הימל.

און יעדער וואָלקנדל
וואָס איז דאָ ערשט געבאָרן
דערמאָנט אים אין דער היים
פאַר ווײַטע מײַל און יאָרן.

און יעדער שיף-סיגנאַל,
באַגלייט מיט בייזן ברומען,
דערמאָנט אים יענע שיף
און יענעם טאָג פון קומען.

נאָך דער אַרבעט

אויפֿן טראָטואַר — אַן ענגשאַפֿט,
אָבער ס'איז מיר ליב;
איך פֿאַרגעס אין רויש מײַן בענקשאַפֿט,
גיי איך און פֿאַרגיב.

מיש זיך אוים מיט זיי אין איינעם —
פֿיר מיך, מחנה, פֿיר;
כ'זע קיין פֿרעמדן אין אײַך קיינעם —
אַלע נאָענט מיר.

פֿון דער אַרבעט אַלע גייען,
און די מענגע ציט;
גיי איך אין די ענגע רייען
מיט אײַך אַלע מיט.

בין איך אויך ווי איר אַ מידער,
בענק איך אויך נאָך רו;
ווי צו שוועסטער און צו ברידער
שמייכל איך אײַך צו.

די יונגע לערערין

די לערערין — פֿאַרויס,
די קינדערלעך נאָך איר;
פֿון שול אין גאַס אַרויס
צו מאַכן אַ שפּאַציר.

זי הייסט זיי גיין צו צוויי
און אויסציילן די טריט;
נאָר פֿליִען ווילט זיך זיי —
ווי קען מען זײַן געהיט?

צעיאָגן זיי זיך פֿרײַ
ווי פֿייגעלעך אין פֿעלד;
די לערערין דערבײַ
רופֿט שטיל זיי צו און קוועלט.

זי איז אַליין נאָך יונג,
פֿאַרגעסט זי אויך איר לאַסט;
אַ שפּרונג טאָן און אַ זונג
וואָלט איר אַליין געפּאַסט.

דערצו דער טאָג אַליין —
די זון מיט גאָר איר גאָלד;
אין שול צוריק צו גיין
וואָלט זי שוין ניט געוואָלט.

נאָר קינדער טאָרן ניט
דערוויסן זיך דעם סוד;
זי פֿירט זיי טריט בײַ טריט
מיט שטרענגקייט און מיט גנאָד.

די ייִדישע שול

ניט הויך איז דער בנין,
מיט רײַכקייט ניט פֿול,
אין אָרעמער געגנט
די ייִדישע שול.

ווען אַנדערע שולן
שוין זײַנען פֿאַרמאַכט,
די ייִדישע שול ערשט
צום לעבן דערוואַכט.

אַזוי ווי בשתיקה,
ווי מ׳וואָלט ניט געטאָרט,
פֿאַרקלײַבט מען זיך לערנען
דאָס ייִדישע וואָרט.

די אויגן, זיי קוקן
פֿאַרחלומט און קלוג
בײַ פּרץ-געשיכטן,
בײַ לידער פֿון פֿרוג.

בײַ ראָזנפֿעלד, ביאַליק
שטײַגט הויך דאָס געזאַנג,
ווי דורות מיט דורות
זיך טרעפֿן אין גאַנג.

בײַ שלום-עליכם
צעוואַקסט זיך די פֿרייד.
עס פֿרישט און עס מונטערט
די ייִדישע רייד.

דעם זיידנס ביידל
(צו מענדעלע מוכר־ספרימס אַ יאָרצײַט)

אונדזער ליבער זיידע
מיט די קלוגע אויגן
איז פון דעם יאָרידל
לאַנג שוין אָפּגעצויגן.

קען מען ניט פֿאַרגעסן
איצט נאָך אונדזער ליבן:
סטײַטש עס איז די קליאַטשע
גאָר אַליין געבליבן.

ווײַל ניט נאָר די „קליאַטשע" —
אַלע זײַנע ספֿרים!
אָפּגעזאָגט ירושה —
זײַנען מיר ניט אָרעם.

אָפּטער בײַ זײַן לעבן
פֿלעגט ער אונדז באַגליקן.
אָבער זײַן ירושה —
לויטער מיט אַנטיקן.

אין זײַן קליינעם בײַדל
ליגט אַ גרויס פֿאַרמעגן.
לאָמיר עס ניט לאָזן
דרויסן אויפֿן רעגן!

לאָמיר עס באַשיצן,
איצט, אין צײַט פֿון שטורעם!
אָך, דאָס קליינע בײַדל
איז דאָך אונדזער טורעם...

יעקבס חלום

גענאַנגען איז יעקב קיין חרן
צו מאַכן זיך דאָרט אַ געצעלט,
ביז ער איז פאַרמאַטערט געוואָרן
און רוען געבליבן אין פעלד.

די זון איז אין מערב פאַרגאַנגען,
ס'איז טונקל געוואָרן און קיל.
געשוועבט אין דער לופט האָבן קלאַנגען
פון ערגעץ דער ווײַט און דער שטיל.

אין פעלד איז ער איצטער בלויז איינער,
דאָך פילט ער — ער איז ניט אַליין.
ער זעט אַז דער אָרט איז בלויז שטיינער,
האָט ער זיך געלייגט אויף אַ שטיין.

געוואָרפן אַ בליק פול מיט שלום,
צופרידן מיט שטיינער און וועג...
און ס'האָט אים געחלומט אַ חלום
וואָס גרייכט ביז די אייביקסטע טעג.

אויף דר'ערד איז געשטאַנען אַ לייטער,
דער שפּיץ ביז אין הימל אַרײַן.
מלאָכים ווי זײַנע באַגלייטער,
זיי שטײַגן דאָ אויס און דאָ אײַן.

און פּלוצלונג — אַ וואונדער! — אין מיטן
האָט גאָט זיך באַוויזן אַליין
צו שיצן און טרייסטן און היטן
דעם וואָגלער וואָס שלאָפט אויף אַ שטיין...

ווען כ׳צינד די ליכטלעך אָן די אַכט

פאַרלאָשן זײַנען מײַנע שטערן
און פינצטער איז די לאַנגע נאַכט,
דאָך הייבט מיר ליכטיק אָן צו ווערן,
ווען כ׳צינד די ליכטלעך אָן די אַכט!

מײַן מאַכט און שטאָלץ איז לאַנג אַריבער,
דער ווילדער שׂונא שפּאָט און לאַכט —
עס לעבט דאָך אויף דער אַלטער גיבור,
ווען איך צינד די ליכטלעך אָן די אַכט!

עס שטומען אַלע מײַנע לידער
פון גבורה, העלדנמוט און מאַכט, —
דאָך קלינגען זיי אין האַרץ מיר ווידער,
ווען איך צינד די ליכטלעך אָן די אַכט!

אָן אַלטע טרער מײַן אויג פאַרטונקלט
און האָט עס שיער נישט בלינד געמאַכט, —
דאָך זעט ווי העל צוריק עס פינקלט,
ווען כ׳צינד די ליכטלעך אָן די אַכט!

חנוכה

„ברוך אתה"
זינגט דער טאַטע
און ער צינדט די ליכט,
און די שטראַלן
מילדע פאַלן
אויף זײַן בלאַס געזיכט.

און אַ פֿײַער,
הייליק טײַער,
אין די אויגן לײַכט,
און דער מידער
מיט די גלידער
האָט זיך אויסגעגלײַכט.

און עס דאַכט זיך,
און עס טראַכט זיך:
ס'איז נאָך עפּעס דאָ!
ס'איז געבליבן
וואָס צו ליבן —
הייליק איז די שעה.

אַלטע קלאַנגען,
לאַנג פאַרגאַנגען —
ניין! עס קלינגט נאָך 'צינד.
זינג מיר, טאַטע,
„ברוך אתה"...
און איך בלײַב דײַן קינד.

אויפֿן ניל

שווימט דאָס קעסטל אויפֿן טײַך,
אויפֿן גרויסן ניל,
שווימט דאָס קעסטל רויִק, גלײַך,
שווימט דאָס קעסטל שטיל.

און די כוואַליעס רוישן ניט,
רירן זיך נאָר קוים,
ווי זיי וואָלטן ציטערן
אויפֿהייבן אַ שוים.

און די כוואַליעס גייען שטיל,
גייען זאַכט און לינד.
ווי זיי וואָלטן היטן זיך
טאָן אַ לייד דעם קינד.

אָ, די כוואַליעס זײַנען דאָך
ניט ווי פּרעה שלעכט,
ניט דערטרינקען וועלן זיי
משיחן פֿון קנעכט.

שווימט דאָס קעסטל אויפֿן טײַך,
אויפֿן גרויסן ניל,
און די כוואַליעס טראָגן עס
פֿאָרזיכטיק און שטיל.

נאָך גרינס

נאָך צווייַגעלעך, קינדער, אין וואַלד לאָזט זיך גיין,
און פריילעך מיט לידער כּסדר,
אַזוי ווי עס וואָלט אויף דער וועלט ניט געווען
קיין רבי, קיין קאַנטשיק, קיין חדר.

נאָך צווייַגעלעך, קינדער, נאָך צווייַגעלעך גייט
און פּוצט אוים די אָרעמע שטיבעלעך.
דער וואַלד איז ניט ווייַט, בייַ דעם שטעטל ער שטייט
און קוקט אַזוי ווייך, אַזוי ליבּלעך.

פאַרוואונדערט וועט ווערן דער אַלטער, דער וואַלד:
וואָס טוען דאָ יידישע קינדער?
דערציילט אים: ס'איז שבועות! — דערציילט עס אים באַלד,
און זאָל אים ניט זייַן צו קיין וואונדער.

און זוימט זיך וואָס לענגער, און רייַסט וואָס מער אָן,
ניט האָט פאַר די טאַטעס קיין מורא:
הייַנט מעגט איר אין וואַלד זייַן, מ'וועט גאָרניט אייַך טאָן —
עס איז דאָך לכּבוד דער תּורה!

איכה

ס'נעמט מיך דורך דער אַלטער טרויער
אין דעם נײַנטן אָב בײַנאַכט.
כ'הער, עס פאַלט פון שטאָט דער טויער
און עס פלאַקערט אויף די שלאַכט .

ווי צערייצטע חיות לויפן
אין דער שטאָט דעם פײַנדס חיילות,
און אין זייער ווילדן לאַכן
ווערט פאַרטויבט דעם פאָלקס יללות.

כ'זע, אַ העליש רויטער פײַער
שלאָגט זיך אָפּ אויף טויזנט מײַלן,
און עס טראָגן זיך פון פונקען
ביז צום הימל דיקע זײַלן...

ס'נעמט מיך דורך דער אַלטער טרויער
אין־דעם נײַנטן אָב בײַנאַכט.
אויף דער ערד, דעם קאָפּ געבויגן,
זיץ איך אָבלדיק פאַרשמאַכט.

און די שול איז פול מיט שאָטנס,
מיט געשטאַלטן, ווײַסע, בלייכע,
צווישן ברידער — ירמיהו
שפרייט די הענט און יאָמערט: איכה...

איך בין זיי מקנא

איך בין זיי מקנא די ברידער
און שוועסטער אויף יענער זייט ים.
איך בין ווי אַ בלעטל, וואָס האָט אים
דער ווינט אָפּגעריסן פון שטאַם.

ווי וואָלט איך מיט זיי איצט געוואַנדערט
אין עלנט, אין שרעק און אין נויט,
און טיילן אין איינעם די טרערן
און טיילן די שרעקן פון טויט.

איך בין זיי מקנא דאָס אומגליק.
ווי וואָלט איך זיך גליקלעך געשעצט
צו ווערן מיט זיי גלייַך געטריבן,
פון שונא געיאָגט און געהעצט.

ווי וואָלט איך אין וואַנדערער־עדה
זיך גערן מיט זיי אויסגעמישט,
אין איינעם צום הימל זיך ווענדן,
אין איינעם די טרערן געווישט.

ווי וואָלט איך געאָרעמט די קינדער
וואָס לויפן די עלטערן נאָך,
מיט אויגן פאַרגליווערט פון פּחד,
און פילן ווי גרויסע דעם בראָך.

ווי וואָלט איך דורך פעלד זיי געטראָגן,
דורך זומפּיקע וועגן און ליים,
און גלעטן די בעקעלעך בלייכע
און טרייסטן: באַלד, באַלד איז די היים.

און פֿאַלט צו דער אָוונט אין מורא
און וואַנדערן ווײַטער איז שפּעט,
דאַן וואָלט איך מײַן ראַק אויסגעצויגן,
די קינדער אים אונטערגעבעט.

און וואָלט זיי מיט קושן דערוואַרעמט
און וואָלט זיי מיט טרערן פֿאַרוויגט,
ביז וואַנען אַ גילדערנער חלום
וואָלט ענדלעך די קינדער באַגליקט.

ווי וואָלט איך דערנאָכדעם זיך לאָזן
דורך ווינט און דורך שרעק און דורך נאַכט,
צו זוכן אַ ברונעם, דערקוויקן
די מידע וואָס ליגן פֿאַרשמאַכט.

ווי וואָלט איך מיט גרײַז־גרויע זקנים,
וואָס זיצן אין קופּקעלעך שטום,
צערעדט זיך פֿון צײַטן פֿון אַלטע
און גלייביק געוואָרן און פֿרום.

די זקנים די מידע דערוואַכן,
די אויגן זיך עפֿענען ברייט,
און שמייכלען ווי יונגע באַגײַסטערט:
משיח, משיח, ער גייט!

איך בין זיי מקנא די ברידער
און שוועסטער אויף יענער זײַט ים.
איך בין ווי אַ בלעטל, וואָס האָט אים
דער ווינט אָפּגעריסן פֿון שטאַם.

ניט מיט שטרענגקייט

ניט מיט שטרענגקייט וועט `ער קומען,
ניט מיט בייזע רייד.
ווי דער גערטנער בײַ די בלומען
שטייט און קוקט מיט פרייד;
ווי דער שומר בײַ דיביימער
בענטשט זיי שטילערהייט —
אזוי שטיל וועט ער זיך צײַגן,
וואכן איבער אײַך:
ווי די בלומען, ביימער, צווײַגן
זאלט איר וואקסן גלײַך...

דאָס נײַע ליד

און זאָל ווי ווײַט
נאָך זײַן די צײַט
פון ליבע און פון שלום, —
דאָך קומען וועט,
צי פרי צי שפעט,
די צײַט — עס איז קיין חלום!

איך הער דאָס ליד
פון ליבע, פריד,
די מעכטיקסטע געזאנגען —
און יעדער טאָן
פון ליד זאָגט אָן:
די זון איז אויפגעגאנגען!

עס עקט די נאכט,
די וועלט דערוואכט
פול האָפענונג, לוסט און שטרעבן.
דו הערסט — אין לופט
אַ שטימע רופט:
צו מוט און קראפט און לעבן!

נײַע קוואַלן

די וואָס גראָבן קוואַלן
אויף אַ נײַער ערד,
זייער ליד טוט שאַלן —
זיי איז פרייד באַשערט.

רידל, האַק און אײַזן
זינגען אַ געזאַנג;
וואַסער וועט זיך ווײַזן—
מעג געווערן לאַנג.

טרעפט אַ שטיין זיך אונטן —
גרעסער איז דער רייץ;
פון די טיפסטע גרונטן
וואַסער, טו אַ פלייץ!

וואַסער — ניט געזען נאָך,
מורמלען — ניט געהערט;
וועט עס שלאָגן שענער
פון דער טיף פון ערד.

ביז מען וועט זיך לאָבן
מיט די קוואַלן פריש,
איז אַליין דאָס גראָבן
ליב דערוואַרטן און זיס...

אין די ווייטסטע לענדער

אין די ווײַטסטע לענדער
זײַנען מיר צעשפּרייט —
יעדער טייל אַ רינגל
אין דער לאַנגער קייט.

בײַ די אַלע טײַכן,
ניט פון בבל בלויז,
זענען מיר געזעסן
זוכנדיק אַ הויז.

איצטער איז אונדז טײַער
גאָר די גאַנצע וועלט.
ס'שטייט בײַ ווײַטסטע ברעגן
אונדזערס אַ געצעלט.

וואָסער ליד מיר הערן —
איז באַקאַנט דער טאָן,
וואו אַ טײַך עס ריזלט —
ווייט אַ בענקשטאַפּט אָן.

וואו אַ פאָן עס פלאַטערט —
גריסט זי אונדז באַקאַנט,
וואָסער שיף עס זעגלט —
צו אַ ברודערס לאַנד.

אינהאַלט:

אברהם רייזען — בילדער — זייטן 3, 99

ביאָגראַפיע — זייטן 4-6

געקליבענע דערציילונגען, זײַטן 7-98

	זײַט
דעם זיידנס זייגער	7
די צוויי ברידערלעך	14
די נײַע לאַטע	23
דער קראַנקער פינגער	29
די פאַבריק	37
דער בוים	43
פאַרשטעלטע מיליאָנערן	52
פאַרשפּעטיקט	56
אָרעמע מצה	61
ראָטשילד און ראָקעפעלער	68
דער ערשטער קאָנצערט	73
די ראָלע	79
גאָלדעם פרײַנד	83
די צווייטע מוטער רחל	88

נקמה — זײַט 96

געקליבענע לידער, זייטן 99-126

	זײַט
פאַרגעבונג	99
דאָס געבעט	100
איך בין געגאַנגען	101
אין פעלד	102
גליקן	103
אַלץ וואָס לעבט	103
אַ געזינד זאַלבע אַכט	104
דאָס העמערל	104
דער גמרא-ניגון	105
מאי קאַ משמע לן	106
דער נאַכטוועכטער	107
אַ ווינטערליד	108
מלחמה	109
די וואַנט	110
אין אונדזער לאַנד	111
נאָך דער אַרבעט	112
די יונגע לערערין	113
די ייִדישע שול	114
דעם זיידנס בײַדל	115
יעקבס חלום	116
ווען כ'צינד	117
חנוכּה	118
אויפֿן ניל	119
נאָך גרינם	120
איכה	121
איך בין זיי מקנא	122
ניט מיט שטרענגקייט	124
דאָס נײַע ליד	124
נײַע קוואַלן	125
אין די ווײַטסטע לענדער	126